א גוט מארגן, זונטאג פרשת בהר-בחוקותי, ט"ז אייר תשפ"ד. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר גרייטן זיך מיט גרויס התרגשות צום גרויסן טאג ל"ג בעומר, די יומא דהילולא פון רבי שמעון בר יוחאי. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די התרגשות איז גאר גרויס. סיי ביי דעם ליל שישי שיעור און סיי ביי שלש סעודות האבן מיר ארומגערעדט ביאורים אלס אן הכנה צו דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר: די הייליגקייט פון דעם טאג, די הכנה צו קבלת התורה, און די גרויסקייט פון די אורות וואס שיינען דעמאלטס. עס לוינט זיך עס אויסצוהערן, ווייל עס וועט זיכער געבן א געוואלדיגן חיזוק, א געוואלדיגע הכנה, און א געוואלדיגע בענקעניש און התרגשות צו דעם גרויסן טאג.

אויך וויל מען דא דערמאנען, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אז מארגן ביינאכט, מאנטאג נאכט גלייך נאך מעריב, וועט פארקומען דא ביי אונז פארנט פון בית המדרש — ברוב עם הדרת מלך, כאיש אחד בלב אחד — א מעמד התרגשות והתעוררות, א מעמד שמחה, א מעמד אויפצופלאקערן אן אש להבה און זיך מדבק זיין בה' ובמשה עבדו. מיר וועלן ארויסברענגען די לעכטיגקייט פון דעם גרויסן טאג, דעם אור, די התלהבות, דעם ברען און די התרגשות פון ל"ג בעומר, און די דביקות אינעם בורא ברוך הוא, ככתוב: "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום".

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר זיך אלע אינאיינעם צוזאמענקומען. מ'דארף זיך אנשטרענגען צו קומען צוזאמען, ארויסצוגעבן די הרגשים פון שמחה און התעוררות, און די אש להבה פון די גרויסע עבודה וואס מ'הארעוועט א גאנץ יאר פארן קומענדיגן יאר. מ'גרייט זיך יעצט צו קבלת התורה, און מ'דארף וויסן אז אזעלכע מעמדים דערנענטערן אונז צום אייבערשטן, עס איז מקדש כבוד שמים און עס ברענגט א געוואלדיגע אינערליכע אש להבה. עס לייכט אויף אונזער הארץ, אונזער מוח, אונזער ערליכקייט און אונזער התקרבות צום הקדוש ברוך הוא אין דעם ביטערן גלות, פאר יעדן איינעם - אנשים, נשים וטף, בחורים וגם בתולות, זקנים עם נערים. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן.**

ס'דערמאנט מיר א מעשה ביים זיידן זכרונו לברכה. יארן צוריק, גאנץ אנפאנג ווען מ'האט געעפנט די ישיבה אין וויליאמסבורג, פלעגט מען יעדן פרייטאג ארויסשיקן די בחורים צאמצושטעלן געלט כדי די ישיבה זאל האבן א קיום און א הכנסה. עס זענען דעמאלט געווען שווערע צייטן, סאך יארן צוריק אין די אנהייב יארן פון אמעריקע.

איינמאל איז מען געקומען צום זיידן זכרונו לברכה און אים דערציילט אז איינער פון די בחורים גייט נישט נאך געלט פאר די ישיבה. דער זיידע האט אריינגערופן דעם בחור און אים געפרעגט פארוואס ער גייט נישט. האט דער בחור געענטפערט אז (אין יענע יארן איז דער מאנסי-וויזשניצער רבי וואס איז דעמאלט געווען דער וויזשניצער רב פון די וויזשניצער קהילה אין וויליאמסבורג) געווען אין א שווערן מצב, און ער גייט נאך געלט פאר דעם רב און זיין משפחה.

האט אים דער זיידע זכרונו לברכה געזאגט: "אה, דו גייסט נאך געלט דאס איז גוט. דער עיקר איז אז מ'גייט נאך געלט און מ'געבט זיך אוועק פאר א צווייטן איד. צי מ'גייט פאר די ישיבה צי מ'גייט פאר א צווייטן רב, דער עיקר איז אז מ'גייט נאך געלט."

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! דער אמת איז, צי מען גייט צו אונזער הדלקה אדער מען גייט צו א צווייטנ'ס הדלקה - איז דען דא א חילוק? בעצם איז דאך דאס אלעס "כאיש אחד בלב אחד". יעדער מקום האט זיך זיינע אייגענע התרגשות און זיינע געהויבענע מאמענטן. אבער אז עס קומען זיך צוזאמען מענטשן וואס הארווענען א גאנץ יאר אינאיינעם אויף פנים מאירות, אשב"ש, מיט אזויפיל עבודת הקודש. ווען מיר קומען זיך צוזאמען כאיש אחד בלב אחד, גיט עס אונז חיזוק ווייטער אנצוגיין און עס שטארקט איינעם דעם צווייטן. יעדע פלאץ איז טאקע קודש, קודש קדשים; יעדע פלאץ איז הייליג און יעדע פלאץ איז לעכטיג. דער עיקר איז אז מיר זאלן זוכה זיין צו די אלע הארות און צו די אלע לעכטיגקייטן פון די הייליגע טעג, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

דער שומרי אמונים רבי, רבי אהרן ראטה זכר צדיק וקדוש לברכה, האט אמאל דערציילט אז ער האט געחלומ'ט ווי ער טרעפט דעם הייליגן צאנזער רב אין חלום, און ער האט אים געפרעגט וואס זיין תיקון הנפש איז. **האט אים דער הייליגער צאנזער רב געענטפערט, אז זיין תיקון הנפש איז ער זאל משעבד זיין יעדן אבר און יעדן גיד פארן הייליגן באשעפער**. הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער תיקון נפש פון א איד איז "לשעבד בזה תאוות ומחשבות לבנו לעבודתו יתברך שמו".

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ׳דארף דאס חזר׳ן: **איך האב נישט קיין רצונות, איך וויל גארנישט, נאר צו טון דעם רצון השם**. דאס וואס דער אייבערשטער טוט מיט מיר, דאס איז דער רצון השם; אזוי וויל דער אייבערשטער, אזוי האט דער אייבערשטער פארשריבן, און דאס איז פאר מיר גוט — דאס איז לטובה ולברכה, לששון ולשמחה. צי איך פארשטיי יא אדער איך פארשטיי נישט, עס מאכט נישט אויס צי עס קוקט מיר אויס ווי עס איז רע אדער טוב, **איך גלייב און איך גלייב און איך גלייב אז עס איז טובה וברכה, ששון ושמחה, חסד ורחמים גלויים**.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א איד האט פארציילט אז ווען ער איז אלט געווען פערצן יאר, איז ער אמאל געווען אויף שבת אין ווארשא ווען דער ״אמרי אמת״ פון גער איז דארט געווען. שבת אינדערפרי נאך קידוש האט דער אמרי אמת געזאגט תורה, און ער האט געזאגט אזוי: מ׳האט געזאגט ביי די פסוקי דזמרה שבת אינדערפרי, ״תּוֹרַת ה׳ תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ, עֵדוּת ה׳ נֶאֱמָנָה מַחְכִּימַת פֶּתִי. פִּקּוּדֵי ה׳ יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב, מִצְוַת ה׳ בָּרָה מְאִירַת עֵינָיִם. ״יִרְאַת ה׳ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד מִשְׁפְּטֵי ה׳ אֱמֶת צָדְקוּ יַחְדָּו״. דער אמרי אמת לייגט צו נאר איין ווארט: ״**אויב**״ ״הַנֶּחֱמָדִים מִזָּהָב וּמִפַּז רָב וּמְתוּקִים מִדְּבַשׁ וְנֹפֶת צוּפִים״.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? א געוואלדיגער רעיון וואס דער ״אמרי אמת״ פון גער האט געזאגט מיט זיין קדושה און טהרה: ווען איז ״תורת ה׳ תמימה משיבת נפש״? ווען איז די תורה פונעם אייבערשטן א זאך וואס ברענגט ישוב הדעת און מנוחת הנפש? ווען איז עס ״מחכימת פתי״, ״משמחי לב״, ״ברה מאירת עינים״, ״טהורה עומדת לעד״, און ״אמת צדקו יחדיו״? דאס אלעס פאסירט ווען א מענטש פארשטייט אז די תורה איז ״נחמדים מזהב ומפז רב״ – אז עס איז פיל שענער, גלוסטיגער און באַטעמ׳טער; ווען ער האט עס ליב פיל מער ווי גאלד און דאס טייערסטע געלד, מער ווי דיימאנטן און פערל שטיינער; ווען עס איז אים זיסער ווי די זיסטע האניג און די זיסטע זאך וואס עקזיסטירט נאר אויף דער וועלט. דעמאלטס אנערקענט מען דאס באמת.

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א איד דארף אנקוקן די תורה, די עבודה, די יראת שמים, תיקון המידות, שמירת הקדושה, שמירת הדיבור, שמירת העיניים, שמירת האזניים, די אמונה און בטחון, דעם שלום, דאס פנים מאירות, און דאס גאנצע שמחה׳דיגע און פרייליכע לעבן – ער דארף אנקוקן דאס אלעס אלס די זיססטע, טייערסטע, שענסטע און בעסטע זאך. עס איז נישטא גארנישט אנדערש אויף דער וועלט** אויסער תורה, עבודה און יראת שמים. דעמאלטס וועט ער מרגיש זיין און זען אז יא, עס איז ״משיבת נפש״, עס איז ״מחכימת פתי״, עס איז ״משמחי לב״, און עס איז ״ברה מאירת עינים״. עס וועט אים לייכטן, עס וועט אים זיס זיין, און עס וועט אים זיין געשמאק.

מ׳דארף גלייבן אז גארנישט אויף די וועלט איז נישט זיסער, נישט בעסער און נישט שענער ווי די תורה. און בכלל, ס׳איז נישט נאר אז ס׳איז נישט זיסער און בעסער, **נאר ס׳עקזיסטירט נישט אויף די וועלט קיין שום זיסע זאך, שיינע זאך אדער גוטע זאך, אויסער ״תורת ה׳ תמימה״ – נאר דעם אייבערשטנ׳ס תורה, מנהגים און מסורה, נאר מוסר און חסידות, און נאר ״ויאמינו בה׳ ובמשה עבדו״. דאס איז די איינציגסטע שיינקייט, זיסקייט און לעכטיגקייט פון די וועלט**.

אה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. ווען עס איז געווען די ערשטע וועלט מלחמה, זענען אסאך רבי׳ס און רבנים פון פוילן און גאליציע אנגעקומען קיין אונגארן. איינער פון זיי איז געווען רבי צבי רודניקער, א זון פונעם גארליצער רב, וואס איז אויך אנגעקומען קיין אונגארן. עס איז געווען א חסיד וואס האט געהאט א ספק צו ווענען ער זאל גיין אויף שבועות: צי ער זאל גיין צום בעלזער רב — ער האט זייער שטארק געוואלט גיין קיין בעלזא, ווייל ווען דער בעלזער רב איז נאך געווען אין גאליציע האט ער נישט געקענט אריבערגיין די גרעניץ און אויך צוליב די ווייטקייט, אבער יעצט אז דער בעלזער רב געפינט זיך דא, קען ער דאך גיין צו אים אויף שבועות — אדער זאל ער ענדערש גיין צום גארליצער רב׳ס זון, וויבאלד עס קען גאר זיין אז דער רודניקער רב וועט נישט האבן קיין מנין, און אויב ער וועט אהינגיין וועט ער משלים זיין דעם מנין. צום סוף האט ער זיך מיישב געווען אז ער וויל גיין צום רודניקער רב. ווען ער איז אנגעקומען, האט אים דער רודניקער רב געזאגט אז ער האט אים ממש מחיה געווען, ווייל ער איז טאקע געווען דער צענטער צום מנין. האט אים דער רודניקער רב געזאגט: ״איך וועל דיר דערציילן א מעשה. רבי אלעזר קאזשניצער, דער זון פונעם הייליגן רבי משה קאזשניצער, פלעגט ארומפארן אין די דערפער און שטעט מעורר זיין אידישע קינדער צו תשובה און זיי מקרב זיין צום אייבערשטן. איינמאל איז ער אנגעקומען אין א שטאט, אבער ער האט נישט געהאט מיט זיך זיינע שבת׳דיגע קליידער, ער האט נישט געהאט צו עסן אויף שבת. די מענטשן דארט אינעם פלאץ וואו ער איז אנגעקומען האבן געזארגט אז ער זאל האבן א גוטע אכסניא, בגדי שבת, און וואס צו עסן. מוצאי שבת האט ער געזאגט אז עס האט אים ממש מחיה געווען; ער האט געהאט אן עונג שבת, א תענוג און א נחת רוח, און ער גייט יעצט דערציילן א מעשה.

ער האט דערציילט אזוי: דער הייליגער חוזה פון לובלין האט געהאט א מנהג, אז ווען מ׳האט אים מכבד געווען מיט סנדקאות, האט ער אנגעטון א ספעציעלע קאפאטע. איינמאל, אין א פשוט׳ן טאג ווען ער האט נישט געהאט קיין סנדקאות, האט מען אים געזען גיין מיט די

קאפאטע וואס ער פלעגט געווענליך טראגן נאר ווען ער איז געווען סנדק. עס איז געווען א וואונדער, האט מען אים געפרעגט דערויף. האט דער לובלינער רבי דערציילט אזוי: עס איז געווען עטליכע יאר פריער, ווען דער יריד אין לובלין פלעגט פארקומען ערב שבת. איין מאל איז א פשוט'ער איד אנגעקומען צום יריד אין לובלין און ער האט נישט געהאט קיין צייט אהיימצופארן אויף שבת, האט ער געמוזט בלייבן אין שטאט. ער איז געגאנגען צו א גאסט-הויז, וואו מען האט אים געזאגט וויפיל ער וועט דארפן באצאלן פאר'ן שבת. האט ער געטראכט ביי זיך: אין לובלין איז דאך דא א רבי מיט חסידים, דארט גיט מען צו עסן און צו שלאפן און מען בעט נישט קיין געלט. ער וועט אויך אהינגיין; וואס קען שוין זיין? העכסטענס מוצאי שבת וועט ער דארפן אריינגיין מיט א קוויטל און געבן א פדיון פון צוויי רעניש, וואס דאס איז פיל ביליגער וויפיל זיי בעטן דא אין דעם האטעל, אין די אכסניא.

און אזוי איז טאקע געווען. ער איז געגאנגען צווישן די חסידים דארטן ביים רבי'ן פון לובלין, מען האט אים מכבד געווען מיט עסן, מיט שלאפן, און מיט אלעס וואס ער האט געדארפט. מוצאי שבת איז ער אריין מיט א קוויטל צום הייליגן חוזה, ער האט געגעבן צוויי רייניש, און איז צוריק אהיימגעפארן.

יארן זענען פאראיבער, ער איז נסתלק געווארן, ואתם הדבקים בה' אלוקיכם חיים כולכם היום און מ'האט אים געשטעלט פאר'ן בית דין של מעלה. בחיים חיותו איז ער געווען א מדקדק במצות האט מען אויבן אין הימל נישט געהאט קיין גרויסע טענות אויף אים, און מ'האט אים געוואלט פסק'ענען גראד גן עדן. ער איז געווען אן ערליכער סוחר, א שומר תורה ומצוות, ער האט געהאט קבועה'דיגע שיעורים און ער האט געדאווענט ערליך; מער וויינעגער איז נישט געווען אויף אים קיין גרויסע טענות. למעשה האט דער בית דין של מעלה מכריע געווען אז ער קען נישט אריינגיין אין גן עדן, ווייל ער איז נישט געווען כשר גע'מל'עט. ער האט גע'טענה'ט אז ער האט קיינמאל נישט געוואוסט דערפון און אז דער מוהל איז שולדיג, אבער מ'האט אים געזאגט: "סוף כל סוף ביסטו נישט כשר גע'מל'עט, מיר קענען דיר נישט אריינלאזן אין גן עדן."

האט ער זיך גענומען שרייען: "דאס איז אן עולם האמת? איך בין אמאל געווען ביים רבי'ן פון לובלין, וועמען מ'האט גערופן דער 'חוזה' ווייל ער האט געזען פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. איך האב אים געגעבן א קוויטל; ווען איך וואלט נישט געווען גע'מל'עט ווי עס דארף צו זיין, וואלט דער רבי פון לובלין עס זיכער געזען און ער וואלט מיר געזאגט. אז דער רבי פון לובלין האט מיר גארנישט געזאגט, האב איך א טענה אויף אים: פארוואס האט דער רבי מיר גארנישט געזאגט, און יעצט לאזט מען מיר נישט אריין אין גן עדן?"

מ'האט אויבן אין בית דין של מעלה אויסגעהערט זיין טענה, און מ'האט גע'פסק'נט אז דער רבי פון לובלין דארף דאס טאקע מתקן זיין. דער רבי פון לובלין האט דעמאלטס געמאכט א תיקון פאר דעם מענטש אויף יענער וועלט. דער רבי פון לובלין האט דערציילט אז ער איז וועגן דעהם געגאנגען יענעם טאג מיטן סנדקאות קאפאטע היות ער האט באוויזן צו מאכן א תיקון.

האט ר' אלעזר קאזשניצער געזאגט: "קוקט נאר אן, דער מענטש איז נישט געפארן און נישט געקומען ספעציעל צום רבי'ן פון לובלין; ער איז געקומען קיין לובלין פאר זיינע געשעפטן. ער איז פשוט געגאנגען צום רבי'ן פון לובלין כדי צו שפארן געלט, ער זאל נישט דארפן צאלן טייערע פרייזן אין א האטעל. סך הכל איז ער אריינגעקומען געבן א קוויטל זיך צו שפארן געלט, און אפילו הכי האט דער רבי פון לובלין אים געדארפט טון א טובה לכבוד דעם אויף יענער וועלט."

האט רבי אלעזר קאזשניצער ווייטער געזאגט: "איך זאג ענק צו פאר אלע וואס האבן מיר ארויסגעהאלפן דעם שבת, איך וועל קיינעם פון אייך נישט בלייבן שולדיג, איך וועל אייך שטענדיג טון א טובה." אזוי דערציילט דער רודניקער רב. דער רודניקער רב האט דאס יעצט געזאגט פאר דעם איד וואס איז געקומען צו אים אויף שבועות; ער האט אים אויך געוואלט מכיר טובה זיין פארן קומען צו אים אויף שבועות, מיט דעם וואס ער האט אים משלים געווען דעם מנין און אים מהנה געווען.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, הערט נאר די טיפקייט, די געוואלדיגע ווערטער. מ'רעדט דאך פון א צדיק קדוש וטהור, א צדיק יסוד עולם, דער הייליגער חוזה פון לובלין. אבער וויבאלד ער איז געווען ביים רבי'ן פון לובלין און ער האט אים געגעבן צוויי רייניש, איז ער אים שוין געבליבן שולדיג. רבי אלעזר קאזשניצער איז געבליבן א בעל חוב ווייל מ'האט אים געגעבן בגדי שבת און אים געגעבן צו עסן אויף שבת. דער רודניקער רב איז געבליבן א בעל חוב ווייל ער איז געקומען צו אים אויף שבועות, ער האט אים משלים געווען דעם מנין, און ער האט אים געמאכט א שיינעם יום טוב.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! ווייסט דען א מענטש, ווען ער טוט א טובה פאר א צווייטן, וואס עס גייט אים אלץ צוריקקומען? וואספארא שכר ער גייט אלץ האבן דערפאר? כאטש באמת דארף מען זיך אוועקגעבן און טון פאר אנדערע אידן בלויז פארן אייבערשטנס וועגן, אן קיין

שום פניות און אן קיין שום חשבונות – פשוט ווייל אזוי וויל דער אייבערשטער, אז איין איד זאל זיך אוועקגעבן פארן צווייטן. אבער די מעשיות ווייזן אונז ווי חשוב עס איז אויבן אין הימל ווען א איד טוט א טובה פאר א צווייטן, און וויפיל זכותים און גוטע זאכן עס קומען פאר דעם איד דורך דעם וואס ער האט געהאלפן א צווייטן. אויב יענער איז א צדיק, קען ער דיר אליין באצאלן, און אויב נישט, באצאלט דער אייבערשטער; דער אייבערשטער באצאלט סיי ווי, ווייל אפילו ווען א צדיק באצאלט, איז עס אויך דער אייבערשטער וואס באצאלט. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, קל וחומר בן בנו של קל וחומר, ווען א איד איז מבטל זיין רצון אינגאנצן פארן רצון השם און ער געט זיך אוועק פארן באשעפער – וויפיל ער לייטערט אויס, רייניגט און הייליגט דערמיט זיין נשמה קדושה וטהורה!

ווער קען זאגן אז ער איז ראוי צו גיין אין גן עדן? בין איך דען גרייט? בין איך אויסגעהאלטן? א איד קען דאך דאס נישט זאגן. מ'דארף האבן – ווילאנג מ'לעבט לאריכות ימים ושנים טובים דא אויף דער וועלט – אסאך ישועות, אסאך הילף, און אסאך חסד ורחמים פונעם הייליגן באשעפער; מ'דארף האבן אסאך זכותים. יעדער איינער האט וואס מתקן צו זיין. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער יסוד היסודות איז: געב דיך אוועק פון דיר אליין! טראכט נישט פון דיר, זארג נישט פאר דיר, לעב נישט פאר דיר, און זיי נישט פארנומען מיט זיך – מיט'ן ראטעווען "מיך", מיינע נערוון, אדער מיינע כוחות. מ'דארף ראטעווען אנדערע מענטשן אויף אן אופן פון מסירות נפש.

דער הייליגער ראפשיצער רב האט אמאל געזאגט, אז עס זענען דא מצוות וואס ער וויל נישט טון, און עס זענען דא עבירות וואס ער וויל יא טון. למשל, מענטשן זאגן אז עס איז א מצוה יענעם עוקר מן השורש צו זיין – אזא מצוה וויל ער נישט טון. מענטשן זאגן אז עס איז אן עבירה צו געבן פאר יענעם א טרונק וואסער – אזא עבירה וויל ער יא עובר זיין. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ'גרייט זיך זיך מקשר צו זיין צו רבי שמעון, אבער רבי שמעון האט זיך אוועקגעגעבן פאר אידישע קינדער; רבי שמעון האט נישט געטראכט פון זיך אליין. רבי שמעון האט געלעבט פאר כלל ישראל; ער איז מוותר געווען אלעס פון זיך פאר א צווייטן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס זענען דא אזויפיל קריגערייען; אזויפיל משפחות, אזויפיל חברים, אזויפיל מענטשן. מען טראכט נאר פון זיך, פון מיין כח, פון מיין געזונט, פון מיין דעה, און פון מיינע הנאות, און מען צוברעכט און מען צוקלאפט אנדערע אידישע קינדער. אוי, א שאד, א שאד, א שאד פאר אייערע נשמות, א שאד פאר אייערע גופים, און א שאד פאר אייערע דורות.

הייליגע לעכטיגע קינדער, זיך אוועקגעבן פאר יענעם, זיך מוותר זיין און זיך מבטל זיין פאר א צווייטן – כל שכן בין אדם לחבירו, און קל וחומר דארט וואו די תורה אליין איז מחייב. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר לעבן אין א דור פון עקבתא דמשיחא; אונזערע נשמות דארפן אזויפיל תיקונים, און אונזערע גופים דארפן אזויפיל תיקונים. ווער, ווער קען זיך אונטערנעמען צו זאגן אז ער איז זכאי בדין? די איינציגסטע לימוד זכות וואס מיר האבן איז די טרדת הגלות. אבער אויב ביסטו זיך נישט מוותר און מבטל פאר'ן אייבערשטן און פאר אנדערע אידן, וואס פאר א זכות האבן מיר נאך?

**דער זכות וואס מיר האבן איז, אז מיר זאגן פאר'ן אייבערשטן: "איך האב מיך אוועקגעגעבן פאר דיר, איך האב מיך אוועקגעגעבן פאר דיינע קינדער, איך האב מיך אוועקגעגעבן פאר דיין תורה, איך בין מיך מבטל."** וויאזוי זעט מען ווען א מענטש איז זיך מבטל? אז ער האט נישט קיין רוגזה אדער א שווער הארץ, און ער איז נישט אפגעהאקט מיט קיינעם אויף דער וועלט. יעדער איז גוט, יעדער איז פרייליך. איך טו פאר אנדערע אידן, נישט קיין חילוק וואס מיין פאזיציע איז אדער וואו מיין פלאץ איז. איך עקזיסטיר נישט; איך טו אלעס פאר'ן אייבערשטן, פאר די תורה, פאר די מסורה, און פאר אידישע קינדער. אה, דעמאלטס ווייסט א מענטש אז ער האט דעם זכות, דעם גרויסן זכות, און מען זעט עס דורך פנים מאירות. ווען א איד פירט זיך אויף מיט א פנים מאירות, מיט אמונה, מיט שלום, מיט שמחה און מיט בטחון; מען דיקטאטורט נישט אנדערע מענטשן, מען טרעט נישט אויף אנדערע, מען טיילט נישט איין פאר יענעם און מען פרובירט נישט צו פארעכטן אנדערע; מען לעבט פרייליך און יעדער ארום מיר איז פרייליך, און איך מאך יעדן פרייליך – דעמאלטס ווייסט א מענטש אז ער טוט וואס ער קען. אוודאי זענען דא נסיונות. די נסיונות פון עקבתא דמשיחא, רחמנא ליצלן, ווער האט דאס געקענט גלייבן? ווער האט גע'חלומ'ט וואספארא שוועריגקייטן עס קומט אלץ אריבער?

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר זיך אנגרייטן צו די געוואלדיגע, הייליגע, לעכטיגע און ריינע דערהויבענע טעג. מיר געפינען זיך יעצט אין די ספירה פון הוד. אה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ס'איז שוין ערב שבועות, לאמיר זיך אויסבעטן און אויספועל'ן אלעס גוטס. לאמיר יעדן מוחל זיין און איבערבעטן, לאמיר זיך מקרב זיין צום אייבערשטן און לעבן א תורה'דיגע, הייליגע, לוסטיגע און לעכטיגע לעבן. זאל דער הייליגער באשעפער העלפן מיר זאלן פועל'ן אלעס גוטס און כל מיני ישועות, און אלע תפילות זאלן אנגענומען ווערן לרצון. און לעכטיגן תמיד.

א גוט מארגן, מאנטאג פרשת בהר-בחוקותי, י״ז לחודש אייר תשפ״ד. היום שניים ושלשים יום שהם ארבעה שבועות וארבעה ימים לעומר.

א פרייליכן, און א לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, און א לעכטיגן געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, און א לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

הייליגע, פרייליכע לעכטיגע אידישע קינדער! מיט גרויס התרגשות, מיט בענקעניש און מיט א התלהבות דקדושה, גרייט מען זיך צום גרויסן מעמד ההדלקה היינט ביינאכט בשעה טובה ומוצלחת. אזוי ווי היי יאר איז נישט דא דאס געפארעכטס קיין מירון ווי אלע יארן - מען קען נישט פארן צוליב די גזירה - **אבער רבי שמעון איז דאך ״לכל״, און מיר גלייבן אז רבי שמעון וועט אונז נישט פארלאזן**. די זעלבע השפעות, די זעלבע התעוררות, די זעלבע התרגשות און די זעלבע התקרבות להשם יתברך וואס עס איז דא יעדעס יאר ווען הונדערטער טויזנטער מענטשן געפינען זיך אין מירון, וועט יעצט - אדרבה ואדרבה - צושפרייט ווערן בכל קצוי תבל, אין אלע מקומות מושבותיהם וואו אידישע קינדער וואוינען, ובפרט בארצות הגולה. אוודאי וועט דער הייליגער באשעפער העלפן, און דער הייליגער רבי שמעון וועט זיך משתתף זיין מיט אלע אידן אומעטום.

הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער! ממילא, אדרבה ואדרבה, האבן די הדלקות היי-יאר א גרעסערע חשיבות; ס׳איז א טייערערע סארט הדלקה. וויבאלד אזויפיל טויזנטער מענטשן וואס האבן געלעכצט אנצוקומען קיין מירון, אזוי ווי זיי פלעגן אלע יארן, גייען זיין דא צווישן אונז, איז עס א געוואלדיגע התרגשות.

מ׳פארציילט אז איינער פון די ספרדישע גדולים, רבי יוסף עדס, האט נאכגעזאגט א הפלא׳דיגע מעשה: עס איז געווען א איד וואס האט געהייסן רבי יוסף טאנזי, ער האט געארבעט אין די ישיבה ״פורת יוסף״. וואס איז געווען זיין ארבעט? ער פלעגט טיילן טיי און קאווע פאר די בני הישיבה – פאר די בחורים, פאר די יונגעלייט, און פאר די עלטערע לייט. ווער עס איז נאר געקומען לערנען אין ישיבה, האט ער אים געגעבן טיי און קאווע.

יעצט, דאס האט גענומען אביסל צייט; ער האט אנגעקאכט דאס וואסער און געווארט בערך א פערטל שעה ביז עס איז געווארן הייס, און דאן האט ער געמאכט די טיי און די קאווע. ווען ער האט געהאט צייט – סיי בשעת דאס וואסער האט זיך געקאכט, און סיי בכלליות ווען ער האט געהאט אן איבריגע מינוט אדער א הפסקה פון זיין ארבעט – פלעגט ער לערנען זוהר.

יעדעס יאר ל״ג בעומר האט ער געמאכט א סיום אויפ׳ן ספר הזוהר. לכבוד דעם סיום האט ער אנגעגרייט א גרויסע סעודה ביי זיך אינדערהיים; ער האט גערופן צען תלמידי חכמים, זיי אפגעגעבן א געוואלדיגע כבוד און סערווירט א רייכע סעודה. ביים סוף פון די סעודה האט ער געגעבן פאר יעדן תלמיד חכם א קאנווערט מיט א שיינעם סכום געלט, און געזאגט: ״דאס איז לכבוד רבי שמעון בר יוחאי.״

איין יאר איז זיין פינאנציעלער מצב געווען זייער שווער, ער האט נישט געהאט קיין געלט. ער האט געזאגט פאר זיין בני בית אז עס קוקט אויס ווי היי-יאר וועט ער נישט קענען פראווען די סעודה, ווייל ער האט נישט קיין געלט צו געבן פאר די געסט. ער האט געהאט גרויס צער דערוועגן, אבער ער האט נישט געוואלט מאכן די סעודה ובפרט אויב ער קען נישט טיילן פאר די באטייליגטע די סכומים וואס ער פלעגט שטענדיג געבן.

דערציילט רבי יוסף טאנזי, אז דריי טעג פאר ל״ג בעומר האט ער געחלומ׳ט ווי **רבי שמעון בר יוחאי האט זיך צו אים מגלה געווען אין חלום און אים געזאגט**: ״איך וויל דו זאלסט מאכן די סעודה פונקט ווי יעדעס יאר. איך ווייס אז דיין מצב איז שווער, אבער קוק אהער, איך האב אריינגעלייגט א סכום געלט אין דיין רעקל. גיי מארגן אינדערפרי און קויף איין אלעס וואס פעלט זיך אויס פאר די סעודה, **און פון היינט און ווייטער וועסטו שטענדיג טרעפן דעם סכום געלט אין דיין רעקל-טאש**. זאלסט עס אבער פאר קיינעם נישט דערציילן, ווייל די מינוט וואס דו וועסט אויסזאגן פאר איינעם אז דו האסט אזא ברכה און אז דו געפינסט דארט געלט ווען אימער דו דארפסט, וועט זיך די ברכה אויפהערן.״ רבי שמעון בר יוחאי האט אים נאך געזאגט, אז ער זאל נעמען צען קאנווערטן און אריינלייגן דארט געלט פונקט ווי אלע יארן, און דעם סכום וועט ער אויך שטענדיג טרעפן אין זיין רעקל.

ער איז אויפגעשטאנען צופרי און בודק געווען דעם רעקל, ווו ער האט טאקע געטראפן דאס געלט; ער האט געזען אז דאס איז אן אמת׳ער חלום. ער איז גלייך געגאנגען קויפן א סעודה בשפע, אנגעגרייט אלע קאנווערטן, צו געבן פאר יעדן תלמיד חכם זיין קאנווערט אזוי ווי יעדעס יאר.

איינמאל האט זיין ווייב אים געזאגט: ״איך וויל וויסן פון וואו דו האסט געהאט דאס געלט. דו האסט מיר דאך געזאגט אז דאס יאר האסטו נישט קיין געלט, וויאזוי האסטו פלוצלינג געהאט געלט?״ ער האט נישט געוואלט דערציילן, אבער זי האט אים זייער שטארק געמוטשעט ער זאל איר אויסזאגן. האט ער איר בלית ברירה דערציילט, למעשה, איינמאל ער האט עס דערציילט פאר זיין בני בית, האט ער נאך געהאט דאס געלט אין טאש, אבער נאכדעם האט עס זיך געענדיגט.

ער האט געמאכט א סעודה כיד המלך און געטיילט די קאנווערטן. הגאון רבי יוסף עדס זצ״ל פלעגט דערציילן, אז ער איז געווען איינער פון די אידן וואס האבן זוכה געווען צו רבי שמעון בר יוחאיס געלט; ער האט מעיד געווען אז מען האט מרגיש געווען עפעס א געוואלדיגע קדושה אין דעם עסן, אין דעם טרינקען, און אין דעם געלט – לא יאומן כי יסופר.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ׳מאכט אן הדלקה, מ׳גייט מקדש זיין כבוד שמים, מ׳גייט זיך מדבק זיין אין צדיקים און אין די תורה הקדושה, דורך די נשמה פון רבי שמעון בר יוחאי. רבי שמעון בר יוחאי איז אראפגעקומען אויף דער וועלט אויפצולייכטן די וועלט, און ער איז ווייטער דא צו באלייכטן די וועלט. אידישע קינדער ווערן דאך אזוי נאנט צום אייבערשטן; ס׳איז דא א געוואלדיגע התעוררות און התרגשות, ס׳איז דא א געוואלדיגע התקרבות להקב״ה, און אידישע קינדער טאנצן און הייבן זיך אין די לופטן צום הייליגן באשעפער, און מ׳הייליגט די רמ״ח איברים ושס״ה גידים ביי דעם מעמד ההדלקה. מ׳זאגט נאך דברי תורה פון צדיקים פון די פריערדיגע דורות, וואס זיי האבן געזאגט און ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון דעם גרויסן טאג.

**און ס׳איז נישט דא קיין ספק און קיין הוה אמינא - הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער - אז יעדער איינער, ווי מער געלט און ווי גרעסערע סכומים ער גייט געבן, וועט אים רבי שמעון נישט שולדיג בלייבן; ער וועט אים באצאלן און באצאלן מיט גרויסע ריוחים.** הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיט גרויסע ריוחים! ס׳לוינט זיך צו געבן גרויסע געלטער, ס׳וועט זיכער זיין גרויסע ישועות ברוחניות ובגשמיות. גרויסע ישועות! מ׳וועט פועל׳ן אלעס גוטס, און די תפילות וועלן נתקבל ווערן.

עס איז געווען א איד פון ארץ ישראל וואס איז געקומען צו רבי אלעזר מנחם מענדל פון לעלוב זצ״ל און זיך אפגערעדט אז זיין פרנסה איז זייער שווער. ער האט א משפחה מיט קליינע קינדער און ער ווייסט נישט וויאזוי ער וועט זיי קענען מפרנס זיין, ער האט נישט קיין געלט צו קויפן עסן אדער קליידער, און ער דארף באצאלן די שכירות; ער האט ממש מיט שוועריגקייטן בלויז טרוקן ברויט און אביסל וואסער. די קינדער שרייען: ״טאטע, מיר דארפן עסן, מיר דארפן קליידער, מיר דארפן פרנסה!״ האט אים רבי אלעזר מענדל פון לעלוב געזאגט: ״גיי קיין מירון צום קבר פונעם תנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי, און דארט וועסטו געהאלפן ווערן.״

**חז״ל זאגן, ״כדאי הוא רבי שמעון לסמוך עליו בשעת הדחק.״ אז עס איז דא א דחק, פארט מען קיין מירון. אזוי ווי מ׳זאגט ביים פזמון ״ואמרתם כה לחי״: ״והציל הלחוצים״, ער האט געראטעוועט די אלע וואס זענען געווען אין אן ענגשאפט.** האט דער איד געזאגט: ״רבי, איך האב נישט קיין געלט צו פארן קיין מירון, וויאזוי וועל איך אהין אנקומען?״ האט אים דער לעלובער רבי, רבי אלעזר מענדל זכרונו לברכה, געזאגט: חז״ל זאגן אין מסכת ביצה (ט״ז.), ״תנא רב תחליפא אחוה דרבנאי חוזאה, כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכיפורים״ – די גאנצע פרנסה פון א מענטש ווערט באשטימט פון ראש השנה ביז יום כיפור פארן גאנצן יאר, ״חוץ מהוצאות שבת ויום טוב, והוצאות בניו לתלמוד תורה. אם פוחת - פוחתין לו, ואם מוסיף - מוסיפין לו״ – אויב דו פארמינערסט, פארמינערט מען דיר, און אויב דו לייגסט צו, לייגט מען דיר צו פונעם הימל.

**האט רבי אלעזר מענדל אויסגעפירט: ״איך לייג צו צו די ליסטע אויך די הוצאות פון די נסיעה קיין מירון; אז מ׳לייגט אויס געלט דאפאר, באקומט מען עס צוריק. דו קענסט גיין בארגן געלט מיט א רואיגקייט, און דו וועסט עס צוריקבאקומען.״** און אזוי איז טאקע געווען, דער איד איז געהאלפן געווארן מיט פרנסה בריוח, ער האט אלעס געקענט באצאלן, און דער אייבערשטער האט אים געבענטשט מיט פיל השפעות טובות.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען זיך יעצט מקשר מיט רבי שמעון, און ס׳איז פונקט אזוי ווי מען פארט קיין מירון. מיר קענען טאקע נישט פארן קיין מירון, מיר האבן נישט קיין וועג אנצוקומען קיין מירון, אבער מיר זענען זיך אלע מקשר מיט רבי שמעון אויף מירון. עס איז נישטא קיין הוה אמינא אז עס גייט נישט אריין אין דעם זעלבן גדר. **מיר קענען נעמען דאס ווארט פון רבי אלעזר מענדל אפילו אויף אונזערע הדלקות דא אין חוץ לארץ, און גלייבן אז דאס גייט אריין אין דעם גדר פון ״הוצאות שבת ויום טוב״ און ״הוצאות בניו לתלמוד תורה״, וואס מען טאר אין דעם נישט שפארן; מען דארף געבן ברוחב, מען דארף אפילו בארגן, און דער הייליגער באשעפער באצאלט.** איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער!

מען דערציילט אז אין די צייטן פון רבי דוד צבי שלמה פון לעלוב, איז געווען א בחור אין ירושלים וואס האט אים אנגעכאפט א משוגעת, ער פלעגט אראפנעמען דעם היט און דאס קאפל פונעם קאפ. מען האט אים פרובירט צוצורעדן ער זאל עס נישט טון, ווייל עס איז נישט איידל און עס נעמט אוועק די יראת שמים, אבער מען האט ממש נישט געקענט געבן קיין עצה מיט אים. די עלטערן האבן פרובירט אלעס וואס מען קען נאר טון, אבער דעם שיגעון פון אראפנעמען דאס קאפל מיט דעם הוט האט קיינער נישט געקענט פועל׳ן ביי אים ער זאל דאס אויפהערן. זענען די עלטערן געקומען צו רבי דוד צבי שלמה פון לעלוב בעטן אן עצה, אבער רבי דוד צבי שלמה האט גארנישט געענטפערט, ער האט זיי נאר געגעבן א ברכה.

ס׳איז געווען אין יענע יארן ווען דער וועג ארויף קיין מירון האט גענומען אסאך צייט; נאך פסח פלעגט מען שוין ארויספארן כדי מ׳זאל קענען אנקומען קיין מירון אויף ל״ג בעומר. ווען רבי דוד צבי שלמה האט זיך געגרייט צו פארן, האט ער געזאגט פאר׳ן טאטן אז ער זאל מיטברענגען זיין בחור און זיי וועלן פארן אינאיינעם קיין מירון. דער טאטע האט בעצם נישט געהאט קיין חשק מיטצונעמען זיין זון קיין מירון, ווייל ער האט געהאט בושות און בזיונות מיט אים – ער פלעגט זיך כסדר אראפנעמען דאס קאפל מיט׳ן הוט – אבער אז דער רבי הייסט, איז מען געגאנגען.

און טאקע דעם גאנצן וועג האט דער טאטע געהאט שרעקליכע בושות און בזיונות מיט דעם קינד, וואס האט געהאלטן אין איין אראפנעמען דאס קאפל פון קאפ, און ער פלעגט אויך די גאנצע צייט נעלם ווערן. ער האט זיך שטארק געמוטשעט מיט׳ן קינד אויפ׳ן וועג. ווען מ׳איז אנגעקומען קיין

מירון, האט מען געדאווענט מעריב, און רבי דוד צבי שלמה האט אנגעצינדן אן הדלקה און מ'האט זיך גענומען טאנצן. ווי נאר דער בחור האט געזען דאס פייער, האט ער געכאפט דאס קאפל און עס אריינגעווארפן אין פייער, און דעם הוט האט ער א ווארף געטון ארויף אויפ'ן דאך פונעם ציון. אבער תיכף ווי ער האט דאס געטון, האט דער בחור געלייגט די האנט אויפ'ן קאפ און געשריגן: "איך דארף א קאפל! מ'זאל מיר ברענגען א קאפל!" מ'איז געגאנגען און אים געברענגט א קאפל, מ'האט אראפגענומען דעם הוט פונעם דאך, און פון דעמאלטס אן איז די גאנצע משוגעת נעלם געווארן.

הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, מען גייט צינדן א גרויסע הדלקה. **ווער עס וויל קען מיטברענגען קוויטלעך, מען זאל עס אריינווארפן אינעם פייער פון די גרויסע הדלקה לעילוי נשמת התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי. פאר א קליינעם אפצאל קען מען האבן די זכיה אריינצולייגן א קוויטל מיט אלע בקשות, אזוי ווי מען זעט דא אז דער בחור האט אריינגעווארפן זיין קאפל און ער האט געהאט א גרויסע ישועה; זיין שיגעון איז אוועקגעגאנגען און ער איז געווארן א נארמאלער מענטש. די זעלבע זאך, ביי די הדלקה, מען קען קויפן אויל מיט וואטע און אריינלייגן קוויטלעך, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אלע יאר און וועט ווייטער העלפן אז יעדער איד זאל האבן זיינע ישועות. די תפילות און קבלת טובות זאלן מתקבל ווערן באהבה, ברחמים וברצון ביים הייליגן באשעפער. עס וועלן בלי שום ספק זיין גרויסע ישועות. עס איז א געוואלדיגער טאג, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער; מיט א געוואלדיגע התרגשות און א שטארקע בענקשאפט ווארט מען שוין אויף דעם דערהויבענעם זמן**.

ס'איז געווען א מעשה מיט עטליכע און צוואנציג יאר צוריק, ווען א איד איז דורכגעגאנגען דעם קארלין סטאלינער בית המדרש אין בארא פארק, און ער האט געזען אז מ'מאכט דארט א גרויסע הדלקה און ס'גייט זיין א גרויסע סעודה "לחיים". דער איד האט נישט געהאט קיין קינדער, ער האט שוין געהאלטן א היפשע פאר יאר נאך די חתונה אן קיין קינדער, און ער האט געהערט ווי דער עולם שמועסט איבער די גרויסע זכותים און וויאזוי מ'קען פועלן ישועות דורך מנדב זיין פאר רבי שמעון. איז ער שנעל געגאנגען קויפן קאלטע טרינקען און עס געברענגט פאר'ן עולם. אזוי ווי דער עולם האט געטאנצט און זיך געווארעמט, האט מען דאך געדארפט האבן קאלטע טרינקען. ער האט געקויפט א גרויסע צאל קאלטע טרינקען פאר'ן עולם וואס האט אים אפגעקאסט א היפשע סכום, און ער האט געבעטן יעדן איינעם מ'זאל טרינקען - מ'רופט עס "ח"י רוטל" - לעילוי נשמת התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי. **דער עולם האט אים אנגעוואונשן, און דער הייליגער באשעפער האט געהאלפן אז פונקט צו א יאר שפעטער איז ביי אים געבוירן געווארן א קינד**.

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? מ'דארף זיך מקשר זיין צו די רוחניות, צו די תורה פון רבי שמעון, "ויאמינו בה' ובמשה עבדו". די תכלית איז אז מיר זאלן ווערן מדובק אינעם אייבערשטן און זיך דערמאנען אין אים, **אבער מיר דארפן גלייבן אז דאס זיך משתתף זיין אין די הדלקה בגוף, בנפש, בנשמה, ובממון, ברענגט גרויסע ישועות. מ'פועל'ט דארט געוואלדיגע זאכן**; ס'איז א דערהויבענע צייט וואס ס'איז שלא יאומן כי יסופר.

בפרט מיר, וואס זענען גלות אידן, דארפן מיר אין גלות אזויפיל חיזוק. מ'דארף קענען קעגנגיין אונזער שונא, דער יצר הרע וואס רייסט שטיקער פונעם כלל ישראל; ער צעברעכט יעדע הייליגע זאך און צעשפרייט אזויפיל אומריינקייט אויף די וועלט, סיי במחשבה, סיי בדיבור, און סיי במעשה. ער ברענגט אזויפיל קריגערייען און מחלוקת. ער האט זיך ספעציעל פארלייגט אויף די מצוה פון כיבוד אב ואם, אז אידישע קינדער זאלן זיך מתחצף זיין און זיך אפרייסן רחמנא ליצלן פון די עלטערן, און פארלירן די ריכטיגע אהבה, יראה און כיבוד אב ואם. ער האט אוועקגענומען די אהבת חינם פון כלל ישראל, די קדושה און די טהרה. אוי! אין עקבתא דמשיחא פארלייגט זיך דער יצר הרע אזוי שטארק, איז אין אזא צייט זייער זייער וויכטיג אז אידישע קינדער זאלן זיך צאמקומען, מ'זאל זיך ווארעמען און זיך קאכן אין רבי שמעון'ען, און פועלן גרויסע ישועות פאר'ן כלל און פאר'ן פרט.

אויפצולעבן די פארטריקנטע ביינער, די הונגעריגע נשמות און די הונגעריגע און דורשטיגע גופים, זיי זאלן שפירן אין דעם גלות א יום טוב, א לעבעדיגקייט און א התקשרות צו די פריערדיגע דורות און צו צדיקים, וואס דאס איז אונז מקשר צום בורא כל העולמים. מ'זאל זיך קענען מחזק זיין מיט א פנים מאירות, מיט אמונה שלימה, בטחון און שמחה, מיט א ריכטיגע אמונה און בטחון; דאס ברענגט אויך אריין א געוויסע חיות און קדושה.

א איד, א כהן, האט פארציילט אז איין יאר - מען רעדט נאך אין די יארן פון ר' אלי' ראטה זצ"ל - אויפ'ן וועג אהיים פון מירון קיין ירושלים, האט ער געבעטן פונעם אחראי וואס האט אנגעפירט די נסיעה מיט וועמען ער איז מיטגעפארן, אז היות ער איז א כהן זאל מען נישט פארן דורך בקעת הירדן, כדי מען זאל נישט דארפן אדורכפארן דעם הר הזיתים, ווייל אלס כהן טאר ער דארט נישט זיין. דער וואס האט מסדר געווען די נסיעה האט אים צוגעזאגט: "אוודאי, אוודאי, מ'וועט אפהיטן און מאכן זיכער אז מען פארט נישט דארט וואו די קברים געפינען זיך." למעשה האט ער געזען אז מ'האלט שוין גאר נאנט און מ'קומט שוין אן, אבער דער אחראי אויף די נסיעה מאכט זיך נישט וויסנדיג פון אים. האט ער שנעל אינמיטן די נאכט, עס איז שוין געווען נאנט צו חצות הלילה, אפגעמאכט אראפצוגיין פונעם באס; ער גייט נישט פארן ווייטער. ער האט געהאפט אז דער אייבערשטער וועט העלפן און ער וועט טרעפן אנדערע אידן וואס קומען אהיים פון מירון און ער וועט קענען מיטפארן מיט זיי.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז א צווייטער איד – אוי, די אהבת ישראל! – האט מורא געהאט איבערצולאזן א איד אליין אויף די גאס אינמיטן

די נאכט, בחצות הלילה, איז ער אויך אראפ פונעם באס אים צו באגלייטן. זיי זענען געגאנגען דארט קוקנדיג אויב עס זענען דא נאך קארס וואס פארן, באסעס, אדער וואס עס זאל נאר זיין. אינמיטן האט זיך אפגעשטעלט א קאר וואס עס זענען געווען דארט פינף אידן, און צווישן זיי איז געווען ר׳ אלי׳ ראטה, דער גרויסער ר׳ אלי׳ ראטה, דער גבאי פון ר׳ שלמה׳קע זוועהילער. די קאר האט זיך אפגעשטעלט און זיי געזאגט: ״קומט אריין, קומט אריין.״ די צוויי אידן זענען אריינגעקומען, און יעצט זענען זיי אינאיינעם געווען זיבן מענטשן אין די קאר. דער דרייווער האט זיי געזאגט אז היות עס געפינט זיך דארט אויך א כהן, פארן זיי נישט דורך די וועגן וואס מען טאר נישט פארן, נאר זיי פארן בלויז אויף די וועגן וואס כהנים מעגן פארן.

ר׳ אלי׳ ראטה האט דערציילט פאר צוויי אידן א הפלא׳דיגע מעשה: זיי זענען געווען א חבורה פון זיבן מענטשן וואס זענען געפארן אינאיינעם קיין מירון. מען האט אפגעשמועסט א צייט ווען יעדער איינער דארף זיין צוריק ביים קאר, כדי ארויסצופארן פון מירון צוריק קיין ירושלים. פינף אידן זענען טאקע אנגעקומען, אבער צוויי זענען נישט געקומען. מען האט געווארט איין שעה, דערנאך נאך א שעה, און זעענדיג אז זיי קומען נישט, האבן זיי זיך פארגעשטעלט אז יענע האבן זיך שוין מסדר געווען מיט אן אנדערע וועג. אבער וואס מיינט איר? וויפיל אידן האבן זיי געטראפן אינמיטן דעם וועג? צוויי! פונקט זיבן אידן האבן געהאט פלאץ אין דעם קאר. די צוויי וואס זענען נישט אנגעקומען זענען פארביטן געווארן מיט צוויי אנדערע וואס מען האט אויפגענומען אינמיטן וועג, צוליב זייער מסירות נפש פאר די קדושה פון כהנים. **הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער! זעט נאר ווי רבי שמעון באגלייט דעם מענטש סיי אויפ׳ן וועג אהין און סיי אויפ׳ן וועג צוריק. עס איז לא יאומן כי יסופר די גרויסקייט און די גדלות פון דעם גרויסן טאג און דעם גרויסן זמן.**

עס ווערט דערציילט אז א איד, א רוזשינער חסיד, איז אמאל געקומען צום הייליגן רוזשינער. האט אים דער רוזשינער אויסגעפרעגט: ״וויאזוי זעט עס אויס אין מירון?״ האט דער חסיד געענטפערט: ״רבי, וואס זאל איך אייך זאגן? אינעווייניג איז יום כיפור, און אינדרויסן איז שמחת תורה.״

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ירצה השם מיר וועלן אויך פרובירן צו מאכן קודם א ״יום כיפור״ מיט א געוואלדיגע התעוררות, קבלת התפילות און פועל׳ן ישועות, און דערנאך א ״שמחת תורה״ צו פועל׳ן ישועות מתוך ריבוי שמחה און ריקודים של מצוה, און אלעס זאל אינאיינעם ברענגען מעלות רמות ברוחניות ובגשמיות.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פארוואס רעדט מען טאקע אזויפיל פונעם מעמד ההדלקה? ווייל מיר שפירן אז דער דור דארף עס יעצט האבן; מיר פילן אז דאס גייט אונז אלע מחזק זיין און צוזאמברענגען אינאיינעם. **איך שפיר אז עס וועט זיין א געוואלדיגע התעוררות און א שמחה, עס וועט זיין א גרויסער עת רצון – תהא השעה הזאת שעת רחמים ועת רצון מלפניך. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אזויפיל אידן דארפן ישועות און ווארטן אויף א רפואה אדער א ישועה, און מיר שפירן אז דאס גייט זיין א ״מעמד הישועות״, א צייט פון התקרבות צו השי״ת סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן.**

ס׳וועט אויך זיין די יארצייט פונעם הייליגן רמ״א. רבי עקיבא יוסף שלעזינגער דערציילט, אז ס׳איז באקאנט אז ווען דער רמ״א איז נפטר געווארן איז ער אלט געווען דריי און דרייסיג יאר; ער איז אוועק ל״ג בעומר, דעם דריי און דרייסיגסטן טאג אין עומר, און ער האט מחבר געווען דריי און דרייסיג ספרים. בשעת מען האט אים מספיד געווען, האט דער מספיד געזאגט אויף אים צוויי און דרייסיג שבחים, און ער האט געהאט גרויס צער אז ער וויל זאגן דריי און דרייסיג שבחים אבער ער טרעפט נישט קיין דריי און דרייסיגסטן. איז צוגעקומען א זקן אחד און דערציילט, אז די מנהג פונעם רמ״א איז געווען אז יעדע פורים פלעגט ער אנטון א מאסקע און זיך פארשטעלן מיט אנדערע קליידער, און ער פלעגט ארומגיין צווישן די הייזער אויסרופן: ״צו מעריב אין צייט! צו מעריב אין צייט!״, כדי צו דערמאנען דעם עולם – וויבאלד פורים איז מען דאך אזוי אנגעטרונקען און לעבעדיג – אז מען זאל נישט פארגעסן צו דאווענען מעריב. און דאס איז טאקע געווען דער דריי און דרייסיגסטער שבח פונעם רמ״א.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואס איז דאס מעריב? מעריב איז די צייט פון ביינאכט, ווען מיר ווייזן ארויס אז אפילו ווען עס איז חושך, לייכט עס. **דער רמ״א האט אונז געלערנט וויאזוי אויפצולייכטן די פינסטערניש און באלייכטן די נאכט. דאס איז די עבודה פון ל״ג בעומר, און צוליב דעם קען מען זאגן אז מען מאכט אזא גרויסן טראסק ל״ג בעומר ביינאכט, גלייך די ערשטע נאכט, ווייל ל״ג בעומר איז דא אויפצולייכטן די חשכות פונעם גלות.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זאלן זוכה זיין צו אלע ישועות און אלע ברכות, אך טוב וחסד. אידישע קינדער זאלן לעבן אן אמת׳דיג תורה׳דיג לעבן מיט גוטע מידות. עס זאל נתבער ווערן דאס רע מן העולם, דאס שלעכטס זאל בטל ומבוטל ווערן, און עס זאל נתגלה ווערן כבוד שמים. ״כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ״ – די גאנצע ממשלת זדון זאל בטל ומבוטל ווערן, עס זאל זיין א התגלות פון כבוד שמים, ״וקבלו כולם את עול מלכותך ותמלוך עליהם מהרה״. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו אלע ישועות, צו אלע ברכות, צו ביאת גואל צדק, און צו א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

א גוט מארגן, מיטוואך פרשת בהר בחוקותי, י״ט לחודש אייר תשפ״ב. ״היום ארבעה ושלושים יום שהם ארבעה שבועות ושישה ימים לעומר״.

א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן גוט מארגן, א פרייליכן און א לעכטיגן גוטן טאג, און א פרייליכן און א לעכטיגן געבענטשטן תמיד.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער איזשביצער, דער מי השילוח, ברענגט אז אין די וואכעדיגע פרשה איז דא דריי ענינים: די פרשה פון שמיטה, די פרשה וואו מען שיקט אהיים די עבדים אין יובל, און די פרשה פון ריבית. זאגט ער אז דער הייליגער באשעפער וויל דא אויסלערנען, אנווארענען אידישע קינדער אז מ׳זאל געדענקען, ס׳איז דא זאכן אין אונזער לעבן וואס ווען מ׳האט די זאכן פארגעסט א מענטש, חלילה וחלילה, אז מ׳דארף זיך פארלאזן אויפ׳ן אייבערשטן. איך האב די זאכן, און די זאכן ברענגען מיר א רואיגקייט, זיי ברענגען א מנוחה, און זיי ברענגען אז א מענטש שפירט זיך זייער גוט, ״אה, איך האב די זאכן, איז ער פארזיכערט, ער איז רואיג״. דער הייליגער באשעפער וויל דא ווייזן, ניין, **א מענטש זאל קיינמאל נישט זיין פארזיכערט און רואיג, נאר ווען ער פארלאזט זיך אויפ׳ן הייליגן באשעפער, אויפ׳ן בורא כל עולמים**.

זאגט דער איזשביציצער אזוי: קעגן עולם, וועלט; שנה, יאר; און נפש, אונזערע נפשות, איז דא שמיטה, יובל, און ריבית. ווען א מענטש האט פעלדער, וויינגערטנער, דאס איז עולם, ווייל א מענטש האט א קנין אין די וועלט, ער קויפט פעלדער און וועלדער, הייזער, בנינים וכדומה. און א מענטש קען אמאל טראכטן, ״איך האב פעלדער, איך האב וויינגערטנער, ס׳וואקסט פירות, ס׳וואקסט ירקות, ברוך השם, ער האט פרנסה. זאגט דער אייבערשטער, איינמאל אין זיבן יאר איז דא די מצוה פון שמיטה, צו ווייזן אז די עולם באלאנגט פאר׳ן הייליגן באשעפער. להי הארץ ומלואה. אונז האבן מיר א קנין אין תורה, אונז האבן מיר א קנין אין אמונה, אונז האבן מיר א קנין אין בטחון, אונז האבן מיר נישט קיין קנין אין די עולם. די עולם באלאנגט פאר׳ן הייליגן באשעפער.

די צווייטע זאך איז שנה. שנה איז זמן. זמן ווערט גערופן שנה. ווען א מענטש נעמט ריבית, וויאזוי שאצט מען אפ די פרייז פון ריבית? לויט די זמן. ריבית צאלט מען אויפ׳ן חודש, צו אויף דריי חדשים, צו אויפ׳ן יאר. און נישט נאר דאס, וואס איז די סיבה וואס מ׳צאלט ריבית? אויך אויפ׳ן זמן. ווי די גמרא זאגט אין בבא מציעא ס״ג, כללא דריביתא כל אגר נטר ליה. ווייל דו בארגסט יעצט פון מיר געלט, און דו גייסט עס ערשט צוריקגעבן דריי חדשים, פיר חדשים, א יאר, צוויי יאר, לויט די זמן וואס מ׳וויל, אזוי צאלט מען די ריבית. וויל דער אייבערשטער ווייזן אז שנה באלאנגט אויכעט פאר׳ן הייליגן באשעפער, ס׳באלאנגט נישט פאר א מענטש.

אלעס וואס האט צו טון מיט זמן, אלעס וואס איז דא אויף די וועלט, יעדע מינוט און יעדע רגע, יעדע זאך וואס האט צו טון מיט׳ן שנה, מיט׳ן זמן, די וועטערס, די געזונט, די געלט, אלעס וואס האט צו טון מיט שנה, דארף א מענטש וויסן דאס באלאנגט פאר׳ן הייליגן באשעפער. נאר אויפ׳ן הייליגן באשעפער פארלאזט מען זיך, און נישט אויף גארנישט וואס האט צו טון מיט בשר ודם אדער מיט די עולם הזה׳דיגע, גשמיות׳דיגע וועלט.

קעגן די קנין וואס א מענטש האט אין נפשות, וואס דאס איז נפש, ער האט עבדים, האט דער אייבערשטער געזאגט, און ווען ס׳קומט יובל דארפסטו עס צוריקגעבן. ווייל א מענטש ווען ער האלט אן עבד שפירט ער זיך רואיג, אלעס איז מסודר, דער עבד וועט דאס שוין מאכן, דער עבד וועט דאס שוין טון. זאגט דער אייבערשטער, מ׳פארלאזט זיך נישט אויף א נפש פון א בשר ודם, מ׳פארלאזט זיך אויפ׳ן הייליגן באשעפער. א מענטש דארף גלייבן אז גארנישט, גארנישט באלאנגט נישט פאר א מענטש, נישט דער עובד, און נישט דער שנה, און נישט דער זמן, און נישט דער עולם, גארנישט. **אונז זענמיר אויף די וועלט שליחים פונעם אייבערשטן אויפ׳ן אייבערשטנ׳ס וועלט. א מענטש דארף צו וויסן, מ׳פארלאזט זיך נישט אויף גארנישט און אויף קיינעם נישט, נאר אויפ׳ן הייליגן באשעפער**.

זאגט דער איזשביצער, נאך די ענינים ענדיגט זיך די פרשה ״אֲנִי ה׳ אֱלֹקֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לָתֵת לָכֶם אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן״. א מענטש זאל נישט קיינמאל טראכטן אז אסאך השפעות אדער ווייניג השפעות האט צו טון מיט וואס ער טוט, און ער זאל אויך קיינמאל נישט טראכטן אז אסאך השפעות אדער ווייניג השפעות האט צו טון מיט דעם וואס די תורה האט אונז געגעבן גדרים וסייגים, דאס מעג מען יא טון און דאס מעג מען נישט טון און עס מאכט שאדן חלילה. ניין, זאלסט געדענקען אז דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון ארץ מצרים און ער האט אונז געגעבן ארץ כנען, וואס דאס איז נחלה בלי מצרים. ווען וועלט איז געווען וועלט, ווען אידישע קינדער זענען געווען אין ארץ כנען מיט די בית המקדש, ס׳איז געווען יד ישראל תקיפה, דעמאלטס האט מען געזען אלעס, עולם, שנה, נפש, אלעס איז געווען מיט אזא הרחבה והרוחה, מיט אזא דערהויבנקייט און א הויכקייט, אן קיין שום דאגות, אן קיין שום זארגן, ״אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ

וְתַחַת תְּאֵנָתוֹ״. יעדער האט געזען ״לַה׳ הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ״ און ״אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ״.

די ארבעט וואס אונז האבן יעצט אין גלות איז צו גלייבן און צו וויסן און צו פארשטיין אלעס איז נאר דער אייבערשטער. **לאמיר עס ארויסזאגן מיט אונזער מויל**, און לאמיר עס חזר׳ן, און דאס גייט אונז געבן כוחות אנצוגיין מיט אונזער פנים מאירות׳דיגע אש״בש׳דיגע אמונה אינעם אייבערשטן מיט געוואלדיגע כוחות און אמת׳דיגקייט. **אונז דארפן מיר פון קיינעם גארנישט, אונז דארפן מיר נאר פונעם הייליגן באשעפער**.

און הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, ווען מ׳הערט די שיינע ווארט פונעם הייליגן איזשביצער, ווי ער טייטשט עס אזוי שיין אריין אין די וואכעדיגע פרשה, ס׳פארענטפערט אסאך קשיות וואס מענטשן האבן. נישט חלילה קשיות, אונז לעבן אין אזא אמונה אז אונז האבן נישט קיין קשיות, אונז האבן נישט קיין תרעומות, אונז האבן נישט קיין שאלות. אונז קאכן אמונה, אונז לעבן אמונה, אונז זענען אזוי נאנט צו די אייבערשטן אז אונז זענען בשמחה וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, ווען, וויאזוי, וואס און וואו, נישט קיין נפקא מינה. אבער ס׳מאכט זיך אמאל, דער מגושם׳דיגער מהלך המחשבה קען אמאל זיך אוועקשטעלן און טראכטן, פארוואס האט יענער מיר דאס געטון? פארוואס טוט יענער מיר דאס? פארוואס טוט יענער מיר דאס? פארוואס האט מיך יענער איבערגעלאזט? פארוואס לאזט מיך יענער הענגען? פארוואס טוט מיר יענער אזוי מצער זיין?

לויט וויאזוי דער אישביצער זאגט עס דא, איז ער זייער זייער שיין פארענטפערט. **דער תירוץ איז, ווייל א איד דארף הענגען אויף דער אייבערשטער, א איד דארף גארנישט פון א בשר ודם.** ס׳מאכט זיך זייער אפט, מענטשן האבן חברותות, און בפרט ביי די בחורים און ביי די מיידלעך נאכמער, מ׳האט א גוטע חבר, א גוטע חבר׳טע, אלעס שמועסט מען צוזאמען, אלעס טוט מען צוזאמען, **און פלוצלינג ס׳געט זיך א שטעל אפ, ס׳געענדיגט. ווייסט פארוואס? ווייל דו האסט צופיל האפענונג ארייננגעלייגט אין א בשר ודם. דער הייליגער באשעפער האט דיך געוואלט אויפוועקן. דער הייליגער באשעפער וויל, אלע אהבות, ליבשאפט, אלע יראות, מורא, אלע כבוד, אלע חשיבות, אלע פארזיכערונגען, אלע רואיגקייט, אלע תאוות, אלע תענוגים, זאל זיין אינעם אייבערשטן. א מענטש זאל לעבן מיט דער אייבערשטער. איך האב ליב דער אייבערשטער, און מיין ליבשאפט הענגט אין דער ליבשאפט פון דעם אייבערשטן. ווען איך האב ליב דער אייבערשטער בין איך רואיג, און ווען איך האב נישט ליב דער אייבערשטער בין איך נישט רואיג. ווען איך פארלאז מיך אויף דער אייבערשטער בין איך רואיג, און ווען איך פארלאז מיך נישט אויף דער אייבערשטער בין איך נישט רואיג.**

**איך דארף פון קיינעם גארנישט.** קיינער קען מיר נישט געבן, קיינער וויל מיר נישט געבן, קיינער וועט מיר נישט געבן, קיינער קען מיר נישט צונעמען, קיינער קען פון מיר נישט אנטלויפן. נאר דער הייליגער באשעפער טוט עס, און וואס דער אייבערשטער טוט איז לטובה ולברכה. דער אייבערשטער וויל אונז נאנט ברענגען צו אים. אזוי ווי דער חפץ חיים, ווען זיין זון איז אוועק בחייו, קיינער זאל נישט וויסן, ודבריו חיים וקיימים, ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום. האט ער געזאגט פארן אייבערשטן נאך די לויה, בקדושה ובטהרה, ״רבונו של עולם, יעצט האב איך מער פלאץ אין מיין הארץ דיך ליב צו האבן.״

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **ס׳איז א שווערע פיל, ס׳איז יסורים נוראים, ס׳איז ווייטאג ברוחניות ובגשמיות, אינערליכע ווייטאג**. אבער געדענקט, עס איז מגושמ׳דיגע, ערדישע, גראביאנישע ווייטאגן. ווען א איד לעבט באמת מיט די ריכטיגע אמונה, גלייבט ער און ער פארשטייט אז דער אייבערשטער זאגט, **״מיין קינד, קום צו מיר, איך בין עס. ביי מיר גייסטו באקומען די גרעסטע אהבה, די גרעסטע יראה, די גרעסטע חשיבות, אלעס וואס דו דארפסט. גארנישט גייט דיר נישט פעלן. קום צו מיר.״ דער הייליגער באשעפער, כביכול, שטרעקט אויס די ארעמס און ער זאגט, ״מיין קינד, קום אריין אין מיינע ארעמס. דא וועסטו האבן אלעס: ליבשאפט, פרייליכקייט, פרנסה, באגלייטונג, חשיבות, כבוד, שמחה, אלעס, נחת. וואס טראכסטו נאך? געלט? אלעס! קליידער? עסן? צו ווער צו רעדן?״**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער אייבערשטער רעדט צוריק צו אונז, כביכול. אונז כאפן נאר נישט, ווייל אונז זענען אזוי צוגעקלעבט צו דעם מגושמ׳דיגן בשר ודם.

אה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט איז **די יארצייט פונעם הייליגן רבי מענדעלע מרימנוב**, זכותו יגן עלינו. דער הייליגער רבי מענדעלע איז געבוירן געווארן אין די שטאט האמבורג אין שנת תק״ה, צו זיין טאטן רבי יוסף חריף. זיין מאמע האט געהייסן ליבא, רבינו מנחם מענדל בן יוסף בן ליבא. זי איז געווען אן אייניקל פונעם הייליגן מגלה עמוקות. דער הייליגער רבי מענדעלע מרימנוב איז געווען אן

איש קדוש, א גאון און א גדול בתורה ובחסידות. דער הייליגער שינאווער רב האט געזאגט אז דער הייליגער באשעפער האט אראפגעברענגט א שטיק קודשא בריך הוא שכינתיה, און עס אנגעטאן אין א בעקיטשע, און דאס רופט זיך ר׳ מענדעלע מרימנוב.

דער הייליגער ר׳ מענדעלע מרימנוב איז געווען זיין גאנצע לעבן עוסק געווען אין מידת הצדקה אויף הפלא׳דיגע אופנים. טויזנטער אידן זענען דורך אים געהאלפן געווארן מיט געלט און מיט עצה ותושיה, אלע מיני צדקות. דמים תרתי משמע, מיט זיין גוף, מיט זיין נשמה, מיט זיין גאנצע וועזן האט ער כסדר געגעבן צדקה פאר אידן. זיין וועזן איז געווען אז א איד וואס קומט צו אים זאל זיין פריילך און געהאלפן. ער האט געהאט א צוגעלאזענע הארץ פאר יעדן איד. ער האט עוסק געווען אין ברענגען שפע און פרנסה בריוח פאר אידישע קינדער. ער איז געווען א בעל מופת און א פועל ישועות און געמאכט גרויסע תיקונים. ער האט שטארק עוסק געווען אין די ענין פון מ׳זאל נישט משנה זיין די מלבושים, די מנהגים פון די פריערדיגע דורות, און מ׳זאל נישט גיין מיט קיין גוי׳אישע מאדעס. אויף דעם האט ער זיך אריינגעלייגט מיט געוואלדיגע, געוואלדיגע כוחות.

דער הייליגער ר׳ מענדעלע מרימנוב האט געזאגט פערציג יאר תורה אויף פרשת המן, און אין יענע יארן איז געווען א געוואלדיגע שפע ביים כלל ישראל. דער הייליגער דברי חיים פון צאנז, זכותו יגן עלינו, האט געזאגט אז די שפע וואס דער הייליגער ר׳ מענדעלע האט אראפגעברענגט אויף די וועלט איז געווען מיט א געוואלדיגע שפע. די אידן פון דעם גאנצן געגנט דארט האבן זיך באשעפטיגט מיט פארקויפן בראנפן, און די גוים פון די גאנצע מדינה האבן געקויפט פון די אידן בראנפן. די שפע פון עושר איז געווען זייער גרויס. ס׳איז אבער נישט געווען גענוג גוים וואס זאלן קויפן אזויפיל בראנפן וויפיל די אידן האבן געמאכט, האט דער הייליגער ר׳ מענדעלע אראפגעברענגט מעולם העליון מלאכים אין צורת פון גוים, און זיי האבן געקויפט די בראנפן. פון די אידן, אלעס כדי ס׳זאל זיין א שפע ביי אידישע קינדער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **מ׳דארף מתפלל זיין און בעטן פון אייבערשטן, אין זכות פון הגה״ק צדיק הדור ר׳ מנחם מענדל בן יוסף, ווי צדיקים האבן אים גערופן יוסף הצדיק, זאל ער ווייטער משפיע זיין פאר אונזער דור, דער דור וואס פלאגט זיך אזוי מיט די שווערע נסיונות פון עקבתא דמשיחא, זאל ער משפיע זיין א שפע פון עשירות**. עשירות אין געלט, עשירות אין הייזער, עשירות אין נחת דקדושה, עשירות אין צמצום המות, עשירות אין רפואות, עשירות אין אלעס וואס אידישע קינדער דארפן, אמן כן יהי רצון.

אבער געדענקט׳ס, דער הייליגער צדיק, כדי צו קענען משפיע זיין, האט ער שטענדיג זיך מסגף געווען. ער פלעגט מאכן גלגול שלג, ער האט זיך געקייקלט אין די שניי, ער האט געמאכט תעניתים. ער איז דורכגעגאנגען שוועריגקייטן אין זיין לעבן, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, כדי ארויסצוברענגען די אור. נאכאמאל, לאמיר אונז חזר׳ן וואס אונז זאגן מיר עס כסדר: **ס׳קומט נישט אן אור פון אור, אן אור קומט פון חושך. יעדע חושך ברענגט אן אור**, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ׳דארף עס נאר אויסווארטן. ווערט׳ס נישט צובראכן און צוקלאפט ווען מ׳זעט די חושך. ווייל ס׳קומט אן אור.

זיין שווער האט געזען אז ער איז עוסק אין תעניתים וסיגופים, ער פירט זיך נישט אויף ווי א נארמאלער, געזונטער, היינטיגער יונגערמאן ווי ס׳באדארף צו זיין, האט ער געמוטשעט די טאכטער אז זי זאל זיך אפ׳גט׳ן. ״ער איז נישט נארמאל, ער איז נישט קיין נארמאלער מאן.״ אבער די רעביצין הצדיקת האט נישט מסכים געווען, זי גייט זיך פון אים נישט גט׳ן. האט ער זיי פארטריבן פון שטוב. ער איז געווען אן עושר, ער האט זיי פארטריבן, ער געבט זיי מער נישט קיין געלט. איז געווארן דעמאלטס א געפערליכע דחקות. א מורא׳דיגע עניות אין די שטוב פונעם הייליגן ר׳ מענדעלע מרימנוב. ס׳איז כמעט נישט געווען וואס צו עסן אין שטוב. אייינמאל האט דער הייליגער ר׳ מענדעלע מיט זיין ווייב נישט געהאט גארנישט וואס צו עסן. איז די ווייב געגאנגען צום בעקער און געבעטן ברויט. האט דער בעקער געזאגט אז אויב זי איז מסכים אוועקצוגעבן איר עולם הבא, וועט ער איר געבן ברויט פאר די קומענדיגע צוויי וואכן. די רביצין האט נישט געהאט קיין ברירה, זי מיטן צדיק זענען געווען אויסגעהונגערט, זי האט מסכים געווען. זי האט אהיימגעברענגט ברויט. ווען דער הייליגער ר׳ מענדעלע מרימנוב האט זיך געוואשן, האט די רביצין זיך צעוויינט. האט דער ר׳ מענדעלע געפרעגט, ״רביצין, פארוואס וויינסטו?״ האט זי געזאגט, ״איך האב אוועקגעגעבן מיין עולם הזה כדי דו זאלסט קענען לערנען די הייליגע תורה. יעצט האב איך אוועקגעגעבן אויכעט מיין עולם הבא כדי דו זאלסט קענען לערנען תורה. נו, וואס איז פאר מיר געבליבן?!״

האט איר דער הייליגער ר׳ מענדעלע מרימנוב געזאגט, ״וויסן זאלסטו אז איך בין שוין געווען אין א מצב פון סכנת נפשות ממש פון אזוי לאנג נישט עסן און פון די אלע תעניתים און סיגופים, און דורך דעם וואס דו האסט געברענגט די ברויט האסטו מיר געראטעוועט. חז״ל זאגן, ׳כל המקיים נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא׳. האסטו זיך שוין איינגעקויפט א פרישע חלק אין עולם הבא, און דו וועסט זוכה זיין צוזאמען מיט אים... זי וועט זוכה זיין צוזאמען מיט איר הייליגן מאן אין איין מחיצה בעולם הבא. זי וועט האבן ביידע וועלטן,

עולם הזה און עולם הבא.״

שפעטער טאקע, ווען דער שווער האט איינגעזען אז דא רעדט מען פון א צדיק קדוש וטהור, ער האט געזען אז זיי ווערן נישט צובראכן, זיי ווערן נישט צוקלאפט, קיינער קען נישט אוועקנעמען פון זיי זייער עבודת הקודש, האט ער מתנחם געווען און זיי ווייטער צוריק אריינגענומען אין שטוב און זיי אויסגעהאלטן.

**איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ׳טאר זיך נישט לאזן פון קיין נסיונות. היינטיגע צייטן, בעקבתא דמשיחא, גייט מען אדורך אזויפיל נסיונות**. דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף יעדע ערליכע זאך, יעדע הייליגע זאך. מאכט ער א חשכות, געדענקט, יעדע חשכות ברענגט אן אור.

**דער יצר הרע האט זיך זייער שטארק פארלייגט אויף כיבוד אב ואם**. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אונז דא, פנים מאירות אש״בש אידן, **אונז ווילן מיר האבן דעם גרויסן זכות פון אריינברענגען אריכות ימים פאר אידישע קינדער, ווייל ביי כיבוד אב ואם שטייט ״למען יאריכון ימיך״**. אזוי ווי אונז צעשפרייטן מיר אמונה, שלום, בטחון בעולם, מ׳זאל נישט אפ האקן און מ׳זאל נישט מאכן קיין מחלוקת, און מ׳זאל זיך איבערבעטן אידישע קינדער, **גייען מיר אונז מהיום והלאה צו שפרייטן כיבוד אב ואם אויף די וועלט**.

מ׳זאל לערנען אין די מוסדות, ביי די אינגלעך, ביי די מיידלעך, ביי די בחורים, ביי די עלטערע מיידלעך, די כוללים, די בתי מדרשים, די רבנים, די משפיעים, די רביים. מ׳דארף פארלערנען הלכות, הלכות פסוקות, שיעורי כלליות, פארציילן מעשיות. מענטשן זאלן זיך מעורר זיין איינער דעם צווייטן אויף דער גרויסער מצוה פון כיבוד אב ואם. ליידער ליידער, די מצוה האט געכאפט א געפערליכן קלאפ. **דער טאטע האט מיר געזאגט אז אין די תורה שטייט ״כבד את אביך ואת אמך״. לויט וויאזוי מ׳קוקט זיך אום בעקבתא דמשיחא היינט, שטייט דארטן ״זיי מכבד דיינע קינדער״. אזוי קוקט עס אויס, חלילה וחלילה.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער צד וואס איז נישט ריין און נישט ערליך וויל צוברעכן די תורה, צוברעכן קדושה, צוברעכן טהרה, צוברעכן אונזער מסורה. דורכדעם האט ער אריינגעברענגט אזא קלות אין כיבוד אב ואם, ווי די קינדער זאגן היינט, ״נישט אונז דארף מען הילף, מיינע טאטע-מאמע דארפן הילף״. מ׳טיילט איין פאר עלטערן, מ׳צוברעכט עלטערן, מ׳דערווייטערט זיך פון עלטערן. דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן און שומר ומציל זיין.

אונז דא אין פנים מאירות אש״בש, אזוי ווי אונז האבן מיר אזויפיל זוכה געווען צו מאכן אזא שלום בעולם, ברוך ה׳ ברוך הוא, גייען מיר זיך אריינלייגן אין אריינברענגען כיבוד אב ואם. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, רופן די עלטערן צוויי-דריי מאל א וואך, זען אויב זיי דארפן הילף, **מאכן זיכער די עלטערן זענען נישט אליינס, ווייזן אונזער הארץ און אונזערע געפילן פאר אונזערע עלטערן. אונז זענען מיר דא מיט זיי, נישט זיי צו לערנען, נישט זיי צו טוישן, נישט זיי צו איינטיילן. זיך מכניע זיין פאר זיי, לויט זייער וועג פון טראכטן, לויט זייערע געברויכן, און אונז זענען מיר זיך מכניע בתכלית ההכנעה צו ארויסהעלפן אונזערע עלטערן, זיך לערנען פון די עלטערן, און חס ושלום, חס ושלום, נישט צו צוברעכן און צו קלאפן און צו שטויסן אונזערע עלטערן. אונז דארפן מיר רעדן צו אונזערע קינדער מיט חשיבות פון אונזערע עלטערן, און דאס וועט זיין א געוואלדיגע זכות**.

און הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, איך בעט ענק, **הייבטס אן אריינלאזן מעשיות פון ישועות** וואס מ׳האט פון אלעס וואס האט צו טון מיט פנים מאירות אש״בש: פון זינגען ״מזמור לתודה״ אויף יעדע זאך, פון שוויגן בעת מחלוקה, פון נישט מאכן קיין מחלוקה, פון זיך איבערבעטן, און פון די מסירות נפש אויף כיבוד אב ואם. ס׳איז זיכער אז אונז וועלן זעהן א סאך געוואלדיגע געוואלדיגע נפלאות הבורא׳דיגע מעשיות, און מ׳דארף דאס מפרסם זיין, און אין דעם זכות, הייליגע לעכטיגע קינדער, וועלן מיר אלע האבן אריכות ימים ושנים טובים, געזונטע פרייליכע לעכטיגע גליקליגע יארן, און אונז גיימיר זוכה זיין צו עשירות, עשירות ברוחניות ובגשמיות, און אונז גיימיר זוכה זיין, וואס דאס איז דער עיקר זכות, אז אונז קענען מיר אריינברענגען א תענוג און א נחת רוח פאר׳ן אייבערשטן, אונז קענען מיר משמח זיין קודשא בריך הוא ושכינתיה כביכול.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, פועל׳טס אלעס גוטס, כל מיני ישועות, און א לעכטיגן תמיד אמן כן יהי רצון.

א גוט מארגן, דאנערשטאג פרשת בהר-בחוקותי, כ לחודש אייר תשפ״ו. היום חמשה ושלושים יום שהם חמשה שבועות לעומר. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד. ברוך ה׳ ברוך הוא, הודו לה׳ ברכו שמו. ס׳איז א געוואלדיגער און פרייליכער טאג פאר ״פנים מאירות אש״בש״. מיר האבן אנגעפאנגען נאך ל״ג בעומר זיך אריינצולייגן מפיץ צו זיין און אויסצושפרייטן די מצוה פון כיבוד אב ואם, כדי משפיע צו זיין אריכות ימים ושנים טובות פאר אידישע קינדער, אזוי ווי עס שטייט ״למען יאריכון ימיך״.

ווי באקאנט **איז כיבוד אב ואם איינע פון די חמורות שבחמורות אין די תורה, און ליידער האט זיך דער סטרא אחרא און דער יצר הרע זייער שטארק פארלייגט דערויף דא אין דעם ביטערן גלות, כדי מעכב צו זיין די גאולה חלילה**. אבער ברוך ה׳, מיר האבן היינט באקומען רופן פון עסקנים און אידן וואס ווילן זיך אריינלייגן מפיץ צו זיין די הלכות, די ענינים, און די התעוררות מקיים צו זיין מצות כיבוד אב ואם בהידור.

בעזרת ה׳ ובסיעתא דשמיא, וועלן מיר אין ״פנים מאירות אש״בש״ ווערן שותפים מיט די אלע עסקנים און יראי ה׳ וואס ווילן זיך אריינלייגן מקדש צו זיין שם שמים. דער הייליגער באשעפער האט צוגעגליכן די יראה פון א טאטע און א מאמע צו די יראה פונעם באשעפער אליין. זאל דער אייבערשטער העלפן אז מיר אלע זאלן זוכה זיין מפיץ צו זיין כבוד שמים, מרבה צו זיין שלום בעולם, ברענגען תורה אויף די וועלט, און מקיים זיין די מצוות התורה מיט שמחה און בהידור.

אזוי ווי עס האט דערציילט א משפחה פון ״פנים מאירות״ אז ביי זיי אין די משפחה איז, ברוך ה׳, געבוירן געווארן א קינד איין וואך פאר פסח. מזל טוב! נו, וואס טוט מען יעצט? א שטוב מיט קינדערלעך, וואו גייט מען אויף פסח? האט די שוויגער גערופן און געבעטן אז זיי זאלן קומען צו איר; דארט וועט די הויז זיין ליידיג, אזוי וועט די יולדת זיך קענען אפרוען, די קינדער וועלן האבן א רואיגקייט ביי די זיידע און באבע, דער טאטע וועט קענען זיין דארט פאר די קינדער, און הכל על מקומו יבוא בשלום.

זיי זענען אנגעקומען ערב פסח, און האבן געזען אז עס זענען דארט דא נאך פינף משפחות; פינף משפחות מיט קינדער זענען געקומען אויף פסח! דאס צימער וואס מען האט געגעבן פאר די יולדת איז געווען נעבן א צימער וואו עס האבן געשלאפן פינף קינדער, וועלכע זענען געווען און דער פרעמד, און בפרט עס איז יום טוב צייט זענען זיי געווען פרייליך און לעבעדיג און געמאכט קולות. די קינדער פון דער יולדת אליין האט מען געלייגט שלאפן נישט אויף געהעריגע בעטן, נאר אויף סאפעס און קאוטשעס. בקיצור, עס איז געווען א פלאץ וואו מען וואלט געקענט ווערן בייז, מען וואלט געקענט טענה׳ן אז מען האט זיי אויסגעשפילט, עס איז געווען פלאץ פאר טענות און פארדרוס; מען האט זיך בכלל נישט געקענט אויסרוען, און מען וואלט געקענט זאגן אז אנשטאט זיך אפרוען איז עס נאר געווארן ערגער.

אבער ס׳איז דאך א ״פנים מאירות״ משפחה, איז די ערשטע זאך האט מען אלעס מקבל געווען באהבה, ברצון, בסבר פנים יפות, און בשמחה. אזוי וויל דער אייבערשטער, אזוי האט דער אייבערשטער געוואלט; אדרבה, ס׳איז דא א סימן אז דער אייבערשטער וויל אז מ׳זאל דא זיין, און אלעס וועט זיין גוט. די משפחה דערציילט - הודו לה׳ ברכו שמו, כי טוב ה׳ לעולם חסדו - עס איז געווען א שיינער יום טוב, און די יולדת האט זיך ברוך ה׳ שיין געקענט אויסרוען. נאכמער, די ערהאלונג פון דער יולדת איז געווען אסאך שנעלער און אסאך גרינגער ווי אלע פריערדיגע געבורטן. איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער: כיבוד אב ואם, ובפרט ווען מ׳טוט עס באופן פנים מאירות, מיט א שמייכל, מיט א שמחה, מ׳בלאזט נישט, מ׳כעס׳ט נישט, און מ׳רעגט זיך נישט. ״אין אדם שומע לי ומפסיד״ - אז מ׳הערט אויס און מ׳פאלגט די תורה, קען מען קיין שאדן נישט האבן עס איז כולו ריוח.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, א פרוי האט דערציילט אז מ׳איז געשטאנען און געווארט אויף א באס. למעשה איז דער באס נישט

אנגעקומען, און דער באס וואס איז יא אנגעקומען איז געווען פול, האט מען געדארפטווארטן אויף א צווייטן באס. געווענליך אין אזא פאל ווערן מענטשן בייז; מ׳יאגט זיך, מ׳וויל נישט אזוי לאנג שטיין אויף דער גאס אוןווארטן. האט זיך איינער אנגערופן: ״רבותי, פנים מאירות! אמונה, שלום, בטחון ושמחה! פרייליך, רואיג, אזוי וויל דער אייבערשטער. לאמיר הארעווען אויף מנוחה ושמחה, אור ליהודים, אויף זען גוט, טראכטן גוט, און רעדן גוט.״ און דער גאנצער עולם האט זיך בארואיגט.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער יצר הרע, דער סטרא אחרא – לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל – האט זיך פארלייגט אויף פארשידענע אופנים אפצושוואכן דעם כח פון ״פנים מאירות אש״בש״, צו ברענגען יסורים און ייאוש, און פרובירן צו טון וואס מ׳קען צו צוברעכן די דבר שבקדושה, די הייליגע עבודת הקודש פון פנים מאירות אש״בש. אבער הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, אין די תורה שטייט ״וכאשר יענו אותו כן ירבה וכן יפרוץ״; אדרבה ואדרבה, לאמיר זיך אלע אינאיינעם נעמען מער צושפרייטן די פנים מאירות, זיך מער קאכן אין פנים מאירות, און אריינברענגען נאך מענטשן אין פנים מאירות.

ווען מיר זענען געווען ביי א חתונה אין לג בעומר, האבן מיר זיך געטראפן מיט א ליטווישן רב, א ליטווישער ראש ישיבה, און ער האט אונז געבעטן: ״ברענגט אריין אין די וועלט נאך מדריכים און מדריכות, ברענגט אריין אין די וועלט רבנים, דיינים און ראשי ישיבות, מענער און פרויען וואס האבן א הארץ צו העלפן אידן.״ עס זענען דא אזויפיל אידן וואס דארפן געהאלפן ווערן, ס׳איז לא יאומן כי יסופר וויפיל ישועות אידן זעען דורך פנים מאירות אש״בש, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

לאמיר מפיץ זיין איבער די גאנצע וועלט ״פני מאירות אש״בש״, טון וואס מ׳קען עס צו צושפרייטן, אויסהאלטן, און געבן נדבות. און ווען דו זעסט א רב, א דיין, א מומחה, א מחנך אדער א מחנכת, א חתן מלמד אדער א כלה מלמדת, וואס האבן די כוחות, די מוחות, און די יראת שמים, ברענג זיי אריין זיי זאלן זיך איינשרייבן צו ווערן מדריכים און מדריכות פון ״פנים מאירות״, כדי אז מיר זאלן  מקדש זיין שם שמים.

אין די תורה הקדושה שטייט ״קושטא קאי״, אמת האט א קיום. ״פנים מאירות אש״בש״ איז קושטא דאס זענען מידות פון אמת. דאס איז אלעס נאר מפי ספרים וסופרים, אלעס מיט מקורות, אלעס פון הייליגע מקורות. דער הייליגער באשעפער וועט העלפן, מ׳וועט דורכמאכן און מ׳וועט דורכגיין אלע שוועריגקייטן און אלע לחצים; אלעס וועט מען דורכמאכן בעזרת השם מיט שמחה און מיט אמונה פשוטה. מ׳דארף מתפלל זיין און מ׳דארף עס צושפרייטן, כדי מרבה צו זיין קדושה בעולם. אז ס׳קומט אן שווער און עס קומט אן מיט אזויפיל יסורים, איז עס א סימן אז די חשכות גייט ברענגען א געוואלדיגע אור. און דער אור וועט זיין דורך מקיים זיין די תורה, דורך מפיץ צו זיין די תורה, דורך מרבה זיין כיבוד אב ואם, דורך מרבה זיין שלום, און דורך זיך אויסלערנען מקבל צו זיין דעם רצון השם דורך שוייגן

אין די וואכעדיגע פרשה איז דא די פרשה פון שמיטה. עס שטייט אין די פרשה ״וכי תאמרו״, מ׳פרעגט: וואס וועט מען עסן אין דעם זיבעטן יאר? ס׳איז דאך שמיטה, מ׳קען נישט איינזייען, מ׳קען נישט אקערן און מ׳קען נישט שניידן, פון וואו וועט מען האבן צו עסן? זאגט די תורה: זארג דיך נישט, איך וועל געבן א ברכה אז אין דעם זעקסטן יאר וועט וואקסן פאר דריי יאר: פארן זעקסטן יאר, פארן זיבעטן יאר, און פארן אנהויב פון דעם אכטן יאר.

דער ספורנו פרעגט: לכאורה, פאר וואס דארף די תורה דאס אראפשרייבן בלשון פון א קשיא און א תירוץ? די תורה וואלט דאך גראד געדארפט שרייבן אז אום שמיטה ארבעט מען נישט, און אז אין דעם זעקסטן יאר וועט וואקסן גענוג פאר דריי יאר.

ענטפערט אויף דעם דער ספורנו א הפלא׳דיגע עמוק׳דיגע תשובה. ער זאגט אזוי: דער רבונו של עולם האט צוויי וועגן וויאזוי ער קען אונז מאכן זאט. ער קען מאכן אז מיר זאלן עסן וויינעג און פונדעסטוועגן שפירן זאט, אדער קען ער מאכן אז עס זאל זיין א שפע פון אסאך תבואה,

און מען זאל עסן אסאך און אזוי ווערן זאט. וואס איז דער חילוק צווישן די צוויי? דער חילוק ליגט אין די ארבעט. אויב אין דעם זעקסטן יאר גייט וואקסן פאר דריי יאר, מיינט דאס דריי מאל אזוי פיל ווי עס וואקסט נארמאל. איר ווייסט וויפיל שווערע הארעוואניע דאס איז? דאס שניידן, דאס דרעשן, און אלע עבודות וואס מען דארף טון מיט די תבואה ביזן אוועקלייגן – דריי מאל מער ווי א געהעריג יאר – דאס טייטשט אן עבודת פרך, א ביטערע שווערע ארבעט.

**ס'איז אבער דא נאך א מהלך: אז ס'וואקסט די זעלבע מאס, נאר ס'קומט אריין א ברכה. מ'עסט איין רעפטל ברויט און מ'איז זאט, מ'דארף נישט נאך א רעפטל; מ'עסט איין קיכל און מ'איז זאט, און מ'דארף נישט מער. זאגט דער אייבערשטער: ווען דו היטסט שמיטה דארפסטו נישט זארגן, וואס דו וועסט עסן וועסט זאט ווערן - ס'מאכט נישט אויס וואס דו האסט, דו וועסט זאט ווערן. טאמער אבער האסטו שאלות, דו פרעגסט "פון וואו וועט מען האבן צו עסן?", דו גלייבסט נישט מיט אמונה פשוטה - דאס ארבעטן ביטער שווער קומט נאר ווייל דו האסט געפרעגט קשיות און שאלות. ווען דו וואלסט עס מקבל געווען באהבה ובשמחה ובאמונה פשוטה, מ'דארף נישט פרעגן, מ'דארף נישט דעם אייבערשטן אויסלערנען אדער אים דערמאנען כביכול - אויב דו טראסט דעם אייבערשטן דורך שווייגן, דורך עס אננעמען באהבה און גלייבן מיט אמונה פשוטה, דעמאלטס דארפסטו נישט ארבעטן ביטער שווער אינעם זעקסטן יאר. וואלסטו גארנישט געדארפט ארבעטן שווער, ס'וואלט געווען לחם מן השמים. איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? א געוואלדיגער יסוד: פרעג נישט קיין קשיות אויפ'ן הייליגן באשעפער, וועט דער הייליגער באשעפער העלפן אז דו וועסט נישט דארפן ארבעטן שווער. דו וועסט זען דעם אור פון זיך אליין. טראסט דעם אייבערשטן.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ'גייט יעצט דורך די צייטן פון עקבתא דמשיחא. אידישע קינדער גייען דורך יסורים, יסורים, און נאכאמאל יסורים - זה בכה וזה בכה. אידישע קינדער מוטשענען זיך מיט חינוך הבנים, אידישע קינדער מוטשענען זיך מיט מחלוקת, אידישע קינדער מוטשענען זיך מיט עלטערן וואס בענקען נאך זייערע קינדער, און קינדער וואס בענקען נאך זייערע עלטערן; משפחות וואס בענקען איינער נאך דעם צווייטן. אידישע קינדער מוטשענען זיך מיט חברותות, וואו מ'בענקט זיך איינער צום צווייטן; מ'מוטשעט זיך אויף פרנסה, און אידישע קינדער בענקען צו האבן ברייטקייט, הרחבה והרווחה. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **פרעגט נישט קיין קשיות! טראסט דעם אייבערשטן, און די ברכה וועט קומען אויף אן אופן וואס דו וועסט זיך נישט דארפן פלאגן און דו וועסט זיך נישט דארפן מוטשענען.** די שאלות וואס מ'פרעגט מאכן אז אפילו ווען די ישועה קומט - און זי וועט טאקע קומען - זאלסטו דארפן דורכגיין פלאג און שוועריקייטן כדי זי צו באקומען. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מ'פרעגט נישט קיין קשיות. צי איך האב יא געלט צי איך האב נישט געלט, צי ס'גייט מיר יא צי ס'גייט מיר נישט - "**טאטע, אזוי ווילסטו, איך בין דא פאר דיר, איך בין עס מקבל באהבה און איך טראסט דיך!**" דעמאלט זעט מען די השפעה אויף א הפלא'דיגן אופן. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז אונזער אמונה פשוטה.

רבי שלם שוואדראן האט פארציילט, אז איינמאל איז ער אריינגעגאנגען צום חזון איש. ער האט דארט געזען א מענטש וואס איז נישט געווען אינגאנצן ביים זינען, ער איז נישט געווען געזונט אין מוח, און ער האט געשמועסט שטילערהייט מיטן חזון איש. דער איד האט זיך צוגעבויגן גאר נאנט צום חזון איש, ווייל ער האט געוואלט רעדן גאר שטיל, און אינמיטן רעדן איז ער געווארן אזוי צופייערט, אז ער האט אנגעהויבן מאכן תנועות מיט די הענט און מיט זיין גאנצן קערפער. ער האט נישט באמערקט אז ס'איז געשטאנען דארט אויפן טיש א גרויסער קרוג מיט וואסער, און בשעת'ן מאכן די אלע תנועות, האט זיך דער גאנצער קרוג וואסער איבערגעגאסן אויפן טיש; עס האט זיך געגאסן אויפן חזון איש און אראפ אויף דער ערד. עס איז געווען א בחינה פון "ושאבתם מים בששון" – דער טיש, דער חזון איש, די פאדלאגע און די גאנצע ארום זענען געווען אינגאנצן דורכגעווייקט.

רבי שלם שוואדראן האט צוגעקוקט מיט וואונדער ווי דער חזון איש פירט זיך אויף כאילו לא היה; ער האט נישט געמאכט קיין שום באוועגונג, קיין שום פאקסן אדער אומבאקוועמליכקייט. וויבאלד יענער איד איז נישט געווען קיין בר דעת, האט ער אפילו נישט געכאפט וואס ער האט אנגעמאכט, און דער חזון איש האט ווייטער גערעדט צו אים מיט א געוואלדיגע רואיגקייט און סבלנות. ער האט זיך נישט אוועקגערוקט, ער האט נישט געקראצט די פיס אדער אויפגעהויבן די הויזן, און ער האט אפילו נישט אראפגענומען די הענט פונעם טיש. אלעס איז ווייטער געגאנגען פונקט ווי פריער, כאילו גארנישט וואלט פאסירט.

רבי שלום שוואדראן זאגט, אז ער איז דארט געשטאנען נבהל ונשתומם; ער האט נישט געהאט קיין אנונג וויאזוי א מענטש פארמאגט אזעלכע כוחות. ער האט ביי זיך געטראכט, אז אויב דער חזון איש וואלט געווען א חסידישער רבי, וואלטן שוין די גבאים צוגעלאפן, אפגעווישט דעם טיש, אפגעווישט דעם ערד געטרישט די בגדים פונעם רבי'ן, און עס וואלט געווען א גאנצע מהומה. אבער דא זיצט דער חזון איש, און קיינער דערוואגט זיך אפילו גארנישט צו זאגן. רבי שלום זאגט, אז ער האט יא געוואלט צוגיין, נאר ער האט צוגעקוקט מיט אזא התפעלות צו די הנהגה פונעם חזון איש; ער האט פארשטאנען אז דא ליגט א טיפקייט, און ער האט נישט געוואלט שטערן דעם חזון איש ביי זיין עבודת הקודש.

ווען דער איד איז ארויסגעגאנגען, איז רבי שלום שוואדראן צוגעגאנגען צום חזון איש און אים געפרעגט: "פון וואו נעמט מען אזעלכע כוחות?" אזוי האט ער געפרעגט דעם חזון איש, "נישט צו מאכן קיין שום תנועה, נישט צו מאכן יענעם אומבאקוועם, און נישט האבן קיין שום קפידה, נאר אלעס מיט א געוואלדיגע סבלנות, מיט א שמייכל און מיט אזא רואיגקייט?" האט אים דער חזון איש געענטפערט מורא'דיגע ווערטער: ***"וואס טראכסטו, אז איך בין נישט קיין כעסן בטבע? איך בין יא בטבע א גרויסער כעסן! נו, און פארוואס בין איך נישט געווארן אין כעס? ווייל די תורה לאזט נישט!"*** הערט איר, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער? ווייל די תורה לאזט נישט! דער חזון איש איז געווען בטל ומבוטל כעפרא דארעא צו די תורה און צום אייבערשטן.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, בשעת א מחלוקת זענען דא אזויפיל נסיונות פון רעדן לשון הרע און רכילות, חלילה וחס; ארויסצוזאגן ווערטער קעגן אנדערע מענטשן וואס מען טאר נישט זאגן, מוציא לעז זיין, מוסר דינו לשמים, אדער זאגן דאס פארקערט פון ברכות חלילה וחלילה. **עס זענען דא אזויפיל כעס'יגע און אויפגערעגטע ווערטער וואס עס ווילט זיך זאגן, אבער איר ווייסט דאך - די תורה לאזט נישט!** און אז די תורה לאזט נישט, דאן כעס'ט מען נישט, מען זאגט נישט, און מען טוט גארנישט. מען לעבט מיט שמחה, מען לעבט אין איין "אין עוד מלבדו", מען לעבט אינאיינעם מיט'ן הייליגן באשעפער. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עס איז נישטא קיין זיסערע און בעסערע לעבן פון דעם. די תורה וויל נישט קיין כעס, די תורה וויל נישט קיין לשון הרע און רכילות, און די תורה הקדושה וויל נישט מען זאל זיך פלאנטערן אין מחלוקת. די תורה הקדושה וויל מען זאל זיין פרייליך, האבן סבלנות און מוחל זיין. איי, עס גייט דיר יעצט שווער? עס זענען געשען זאכן וואס דיין מוח און דיין חכמה בינה ודעת קענען נישט משיג זיין וויאזוי דאס איז מעגליך? פרעג נישט קיין קשיות.

דער ספורנו זאגט אז מען דארף ארבעטן זייער שווער אויף די ברכה. טראסט דעם אייבערשטן, גלייב אינעם אייבערשטן, היט אפ די תורה מיט שמחה, **און זאג די ווערטער: "ווייל אזוי האט אונז דער הייליגער באשעפער באפוילן; איך טו נאר וואס די תורה לאזט יא, און איך קען גארנישט טון וואס די תורה לאזט נישט."**

א איד, א סלאנימער חסיד, האט דערציילט אז ער האט געהאט א שטוב מיט טעכטער. דער אייבערשטער האט אים געהאלפן און ער האט אלע טעכטער חתונה געמאכט מיט פיינע איידעמער, און ער האט געהאט גענוג געלט פאר די חתונות און צו קויפן דירות פאר זיי. ווען ער האט

חתונה געמאכט די יונגסטע טאכטער, האט ער געשפירט א געוואלדיגע הכרת הטוב פארן הייליגן באשעפער און ער האט געזאגט: ״איך מוז עפעס טון, איך וויל טון עפעס אלס הכרת הטוב פארן אייבערשטן פארדעם וואס ער האט מיר געהאלפן חתונה מאכן אלע טעכטער מיט פיינע איידעמער, זיי זאלן האבן א גוטע שלום בית, ערליכע שטובער און ערליכע קינדער.״ ער האט געשפירט אז ער מוז עפעס טון פארן אייבערשטן, האט ער באשלאסן צו שרייבן א ספר תורה און עס מנדב זיין פארן בית המדרש.

איז ער געגאנגען צום סלאנימער רבין, האט אים דער רבי געזאגט: ״ניין, חס ושלום, בשום אופן נישט, עס איז נישט קיין גוטע עצה.״ ער איז געקומען פרעגן נאכאמאל, אבער דער רבי האט זיך געהאלטן ביי דאס זייניגע: ״ניין, ניין, עס איז נישט קיין גוטע עצה.״ ביז איינמאל איז ער געקומען און ממש אויסגעבראכן פארן רבין: ״איך האלט עס נישט אויס, איך מוז שרייבן א ספר תורה, מיין הארץ גייט אויס, איך וויל געבן עפעס הכרת הטוב פארן אייבערשטן.״ האט אים דער סלאנימער געענטפערט אזוי: רבי איסר זלמן מעלצער האט אמאל געזאגט פאר א איד וואס האט געהאט א גוטע קשיא: ״דו האסט אזא גוטע קשיא; א גוטע קשיא טוט שטארק וויי און עס שטערט א מענטש, דעריבער זאלסטו נישט אננעמען סתם אזוי א תירוץ. דו זאלסט אזוי לאנג הארעווען און זיך פלאגן ביז דו וועסט האבן א ריכטיגן תירוץ, ווייל א גוטע קשיא פאדערט א גוטן תירוץ. אבער אויב דו וועסט נעמען עפעס א שוואכן תירוץ, וועסטו שוין נישט ווייטער טון און נישט אריינטראכטן, און דו וועסט קיינמאל נישט צוקומען צו א ריכטיגן תירוץ.״

האט ער אים געזאגט: ״דו האסט דא א גוטע קשיא אויפ׳ן אייבערשטן. וואס איז די קשיא? ׳מה אשיב לה׳ כל תגמולוהי עלי׳. דו האסט א גוטע קשיא, אבער דו ווילסט דאס פארענטפערן מיט א ספר תורה? מיט דעם ווילסטו פארענטפערן דעם גרויסן קשיא? דו ווייסט דאך אז מ׳זאגט ביי נשמת: ׳אלו פינו מלא שירה כים ולשוננו רנה כהמון גליו וכו׳ אין אנחנו מספיקים להודות לך ה׳ אלקינו׳. **דו דארפסט האבן די קשיא דיין גאנץ לעבן; דו דארפסט איבערבלייבן מיט די קשיא ׳מה אשיב לה׳׳. דו דארפסט זיך שפירן שולדיג דיין גאנץ לעבן.** דו קענסט נישט אריינגעבן א ספר תורה און פארטיג, אז דו זאלסט שפירן ׳אקעי, בסדר, איך האב שוין אפגעגעבן פאר׳ן אייבערשטן הכרת הטוב׳. ניין, ניין, ניין! דאס איז א צו קליינע תירוץ פאר אזא גרויסע קשיא. דו דארפסט האבן די קשיא, און האבן אן הכרת הטוב, **און בלייבן שולדיג פאר׳ן אייבערשטן הכרת הטוב לעולם ועד ולנצח נצחים. און דאס וועט מאכן אז דו זאלסט שטענדיג זיין אפגעהיטן פון עבירות, זאלסט שטענדיג קענען מקיים זיין מצוות, און זאלסט מקיים זיין ׳ואתם הדבקים בה׳ אלקיכם חיים כולכם היום׳.״**

**הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען אזויפיל שולדיג פאר׳ן אייבערשטן. דער אייבערשטער געבט אונז אזויפיל חסדים, אזויפיל גוטס. אה, הייליגער באשעפער, ס׳איז נישטא קיין ווערטער דיך צו דאנקען.** ״מה אשיב לה׳״, וואס זאל איך גיין באצאלן פאר׳ן אייבערשטן? איך וויל דאנקען און דאנקען, און נישט אויפהערן צו דאנקען. זאגן מזמור לתודה, זינגען מזמור לתודה, זאגן מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר, זינגען מזמור לדוד ה׳ רועי לא אחסר, אדון עולם, אין עוד מלבדו.

**טאטע, איך האב דיך ליב מיט אן אהבת נפש. טאטע, אלעס קענסטו מיר צונעמען, אבער נישט מיין ליבשאפט צו דיר; דאס קען נישט אוועקגענומען ווערן פון מיר. איך וועל דאס אנהאלטן ביז נצח נצחים, באשר הוא שם. טאטע, איך האב דיך ליב, הייליגער באשעפער, און איך שפיר דיין ליבשאפט צו מיר ב״ה, נישט קיין חילוק אין וואסערע מקום, אין וואסערע אופן, אדער אין וואסערע מצב. טאטע, איך בין דא, איך טראסט דיך, שעושה לי כל צרכי, אין עוד מלבדו.** הייליגע, לעכטיגע אידישע קינדער, פועל׳טס אלעס גוטס: כל מיני ישועות, כל מיני רפואות, און כל מיני ברכות. מ׳זאל קענען מקיים זיין די מצוות התורה בהידור, מ׳זאל קענען מפרסם זיין כבוד שמים, און א לעכטיגן תמיד אכי״ר

עס שטייט אין די משנה אין פרקי אבות (פרק ד׳ משנה א׳): ״איזהו עשיר? השמח בחלקו״. ווער ווערט אנגערופן אן עושר? דער וואס פרייט זיך מיט זיין חלק. שנאמר: ״יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך״, ״אשריך״ בעולם הזה, ״וטוב לך״ לעולם הבא.

עס שטייט אין ספר ״ברכות שמים״ פונעם זיידן זכרונו לברכה, וואו ער שרייבט אזוי: חז״ל זאגן אונז און מדרש, ״יש לו מנה רוצה מאתיים״ - ווען א מענטש האט הונדערט, וויל ער האבן צוויי הונדערט. לכאורה איז דא א קשיא: אינעם זעלבן מדרש שטייט דאך, ״אין אדם מת וחצי תאוותו בידו״ - א מענטש גייט נישט אוועק פון די וועלט נאך די הונדערט און צוואנציג יאר מיט אפילו האלב פון זיין תאווה אין זיין האנט. ער קומט נישט אן אפילו צו האלב פון דעם וואס ער האט געגלוסט צו האבן אין די עולם הזה׳דיגע וועלט. אויב אזוי, איז דאך משמע פון דעם אז ער האט נישט אפילו קיין האלב פון זיין תאווה. אבער פריער איז משמע ״יש לו מנה רוצה מאתיים״ - אז הונדערט האט ער שוין, נאר ער וויל צוויי הונדערט וואס דאס איז יא האלב. אבער פונעם צווייטן לשון המדרש איז משמע אז אפילו די הונדערט האט ער אויך נישט.

אויף דעם זאגט דער זיידע זכרונו לברכה אין ״ברכות שמים״ זייער א שיין ווארט, א טרעפליך ווארט. דער אמת איז, אז ווען א מענטש האט הונדערט, זענען די הונדערט וואס ער האט ׳נישט׳ ביי אים פיל מער חשוב, ווייל דאס וויל ער האבן. קומט אויס, אז די הונדערט וואס ער האט יא, האלט ער בכלל נישט פאר וויכטיג, ווייל ער איז נישט צופרידן דערמיט. עס איז כאילו ער האט עס נישט, ווייל אפילו ווען ער האט עס, האט ער עס אויך נישט. פארוואס האט ער עס נישט? ווייל ער וויל דאך האבן א צווייטע הונדערטער, און ווען ער האט שוין צוויי הונדערט, וויל ער דאך פיר הונדערט. קומט אויס אז אפילו ״חצי תאותו״ — די האלב פון זיין תאוה וואס ער האט שוין באמת אין מציאות — האט ער אויך נישט, ווייל ער מאכט פיל מער חשוב דאס וואס ער האט נישט, ווי דאס וואס ער האט יא. ווייל אויב ער וואלט מחשיב געווען דאס וואס ער האט, וואלט ער נישט אזוי שטארק געגלוסט נאך דעם וואס ער האט נישט. על כרחך איז דער פשט, אז דאס וואס ער האט איז ביי אים נישט גענוג חשוב, און ער וויל נאר האבן דאס וואס ער האט נאכנישט. קומט אויס אז באמת גערעדט, דאס וואס ער האט, האט ער אויך נישט. און דאס איז דער פשט אין די משנה: ״איזהו עשיר השמח בחלקו״ — ער פרייט זיך יא מיט די הונדערט וואס ער האט שוין, עס האט ביי אים א חשיבות, און ער איז עס מחשיב. דאס איז איין פשט.

נאך א פשט זאגט דער זיידע ז״ל און ברכות שמים; ער ברענגט די חובת הלבבות וואס זאגט אין שער הכניעה פרק ז׳, אז ווען א מענטש רעדט לשון הרע אויף זיין חבר, נעמט מען אוועק אלע מצוות פונעם בעל לשון הרע און מ׳געבט עס פאר דעם חבר אויף וועמען ער האט גערעדט. דערנאך נעמט מען אלע עבירות פונעם מענטש אויף וועמען מ׳האט גערעדט, און מ׳לייגט עס ארויף אויף דעם וואס האט גערעדט דעם לשון הרע. דאס זענען שרעקעדיגע ווערטער, אבער אזוי שטייט דארט.

זאגט דער זיידע ז״ל: עס זענען דא צדיקים וואס מ׳רעדט אויף זיי לשון הרע, אבער זיי דארפן נישט די מצוות פונעם בעל עבירה. ער ברענגט פונעם ספר תורת אבות, אז דער הייליגער רבי מרדכי פון לעכאוויטש האט געזאגט אויף דעם וואס שטייט אין די גמרא אין מסכת ראש השנה (י״ז): ״עתיד הקדוש ברוך הוא לעשות מפושעי ישראל אפר תחת כפות רגלי צדיקים לעתיד לבוא״ – דער באשעפער וועט נעמען די אש פון די רשעים און עס לייגן אונטער די פיס פון די צדיקים, און די צדיקים וועלן טרעטן אויף דעם לעתיד לבוא. האט דער הייליגער רבי מרדכי לעכאוויטשער געפרעגט: ער וויל וויסן וועלכער צדיק וועט מסכים זיין צו טרעטן אויף א צווייטן איד? סוף כל סוף מיינט עס דאך אז דו טרעטסט אויף יענעם, און עס איז נישטא קיין שום צדיק וואס וויל טרעטן אויף א צווייטן. א צדיק וויל נהנה זיין נאר פון ״יגיע כפיך״, פון דעם וואס ער האט זיך אליין געפלאגט; יענעמ׳ס זאכן דארף ער נישט.

דער זיידע ברענגט אַז דער ארי הקדוש אין שער הכוונות (דרושי תפילת שמונה עשרה), אויף דער ברכה פון "על הצדיקים", שרייבט ער אַז עס מאַכט זיך אָפט מאָל אַ מענטש וואָס איז עובר עבירות, און מען נעמט אים צו אַלע זיינע מצוות און מען גיט דעם שכר פון די מצוות פאַר אַ צווייטן. אַזוי ווי די גמרא זאָגט אין חגיגה (ט"ו.), "זכה צדיק" - אויב אַ צדיק איז זוכה, נעמט ער זיין חלק און דעם חלק פון זיין חבר אין גן עדן. עס זענען דאָ צדיקים וואָס פרייען זיך דערמיט, אַז אָט האָבן זיי נאָך שכר און נאָך מצוות; אָבער עס זענען דאָ צדיקים וואָס האַלטן ביי אַ העכערע מדריגה, זיי דאַרפן נישט יענעמ'ס, נאָר זיי ווילן בלויז זייער אייגענעם חלק. מער פון דעם, אַזאַ צדיק שפּירט ביי זיך אַז ער האַלט יענעמ'ס מצוות בלויז ווי אַ פקדון, און ער בעט דעם אייבערשטן און וואַרט אַז יענער זאָל תשובה טאָן כדי ער זאָל עס אים קענען צוריקגעבן, ווייל ער וויל נישט הנאה האָבן פון יענעמ'ס.

דאָס מיינט "איזהו עשיר השמח בחלקו" – ער וויל גאָרנישט וואָס באַלאַנגט פאַר אַ צווייטן, נישט אין עולם הזה און נישט אין עולם הבא. ער לעבט באמת מיט זיין אייגענער עבודה, און דאָס איז זיין גאַנצע צופרידנקייט. ממילא שטימט זייער גוט וואָס די משנה זאָגט: "יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך" – "אשריך" בעולם הזה "וטוב לך" לעולם הבא.

יעצט לאמיר אריינטראכטן אין דעם פשט וואס דער הייליגער זיידע האט דא געזאגט. ער ברענגט דאך ארויס א געוואלדיגע נקודה, אז עס איז דא א מציאות און א היכי תמצא אז א מענטש זאל האבן און גלייכצייטיג נישט האבן.

לאמיר אביסל אריינטראכטן אין דעם וועג וויאזוי מיר לעבן אויף דער וועלט. וואס איז דער סדר פון אונזער לעבן? דער תירוץ דערויף איז, אז דער סדר וויאזוי מיר לעבן איז באמת **אז א מענטש זעט זייער שטארק און קלאר אלעס וואס ער האט נישט**. למשל, א מענטש האט א קאר; ער קען זען די כלליות'דיגע זאך, ברוך ה' ער דארף א קאר און ער האט א קאר, ער קען אנקומען וואו ער דארף, ער דארף נישט נעמען קיין טעקסי אדער א באס, ער דארף נישט שטיין אוןווארטן, ער קען גיין פון איין פלאץ צום צווייטן. אבער אז דו וועסט פרעגן דעם מענטש: "זאג נאר, דו האסט א קאר?" וועט ער ענטפערן: "אויך מיר א קאר? עס איז אלט, עס קראכט, עס שפרינגט, עס האט א גערוך, די לעקטערס צינדן זיך אן, די זיצן זענען שוין פארעלטערט," און ער וועט דאס "נישט" ארויסברענגען זייער שטארק.

וואס קומט אויס? האט ער א קאר אדער האט ער נישט קיין קאר? די תשובה אויף דעם איז: ניין, ער האט נישט קיין קאר. ער דרייווט טאקע א קאר און פארט פון איין פלאץ צום צווייטן, אבער זיין מח איז א גאנצן טאג פארנומען מיט דעם אז ער וויל האבן אן אנדערע קאר; ער וויל א נייע, מיט א געוויסן קאליר, מיט טעכנאלאגישע כלים און מיט מער באקוועמליכקייטן. ער זיצט אין זיין קאר, פון וואס ער קען באמת הנאה האבן אויף א מורא'דיגן און געשמאקן אופן, ער קען זען אלע גוטע זאכן וואס ער קען טון מיט דער קאר און די אלע רווחים וואס עס ברענגט אים, ער קען הנאה האבן פון אלע מעלות און דאנקען דעם אייבערשטן דערויף, ארויסברענגענדיג זיין הכרת הטוב פארן באשעפער אויף דער זכיה פון האבן א קאר. אבער אנשטאט דעם, וואס טוט ער? זיין טבע לאזט אים נישט הנאה האבן. ער זעט נאר אז ער דארף גיין צום מעכאניק איינמאל א חודש, ער זעט נאר אז עס עסט צופיל גאז, ער זעט אז עס האט נישט קיין גוטן ריח, ער זעט אז עס שאקלט זיך, ער זעט אז עס האט קראצן און נישט קיין שיינעם קאליר. קומט אויס אז ער האט נישט קיין שום הנאה פון זיין קאר. ער פארמאגט אזויפיל הנאות און אזויפיל גוטע זאכן, אבער באמת האט ער עס נישט.

א מענטש האט א דירה. וואס מיינט א דירה? א דירה מיינט אז ער האט פיר ווענט, און אין די פיר ווענט איז דא א פלאץ וואו מען קאכט, א פלאץ וואו מען עסט די סעודות - די שבת'דיגע סעודות, א פלאץ וואו מען וואשט די וועש, און א פלאץ וואו די משפחה שלאפט. ער האט א וועלט, ער האט אלעס, עס פעלט אים גארנישט. דארט איז דא אן אויוון, א סינק, טישן, בענקלעך, בעטן, און א בית הכבוד. ער האט

דארטן לעקטער, ער האט א פרידזשידער - א קילונג מאשין, א פריזער, אן אייז מאשין, ער האט הייצונג, ער האט עיר קאנדישאן, ער האט אלעס וואס מען דארף. דארט האלט מען די וועש, דארט האלט מען דאס עסן, דארט האלט מען אלע חפצים וואס באלאנגען פאר דעם מענטש און זיין משפחה.

יעצט, אויב ווען סטו פרעגן א מענטש: "זאג נאר, דו וואוינסט דארט, האסטו א גוטע דירה?" וועט ער ענטפערן: "אוי וויי, די ערד, די פאדלאגע איז נישט שיין, עס איז אלט, די טישן און בענקלעך זענען שוין פארעלטערט, די ווענט זענען נישט געפארבט, די אויסשטעל פון די דירה איז זייער אומבא'טעמ'ט, עס איז פארעלטערט, די פערניטשער, די ספרים שאנק איז שוין אויסגעקלאפט, די זילבער שאנק זעט אויס ווי פון מתושלח'ס צייטן," און אזוי ווייטער און ווייטער. דו רעדסט צו דעם מענטש, און דו הערסט פון אים כאילו ער האט נישט קיין הויז. אבער באמת, ווען א מענטש טראכט זיך אריין, האט ער דאך אלעס אין די דירה וואס ער דארף האבן.

אויב עס איז א געדינגענע דירה, איז ער קיינמאל נישט צופרידן ווייל ער וויל האבן אן אייגענע. ווען ער האט שוין אן אייגענע, איז ער אויך נישט צופרידן ווייל ער האט א קליינע, און ער טראכט אז מען קען דאך האבן א גרויסע. היינטיגע צייטן איז דא נאך מער: א מענטש האט אן אייגענע דירה, אבער ער איז מקנא די געדינגענע דירות, ווייל עס האט זיך אזוי אויסגעשטעלט היינט אז די געדינגענע דירות זענען ברייטער, גרעסער און שענער ווי די אייגענע. מענטשן צאלן הויכע שכירות, בעת די מענטשן וואס קויפן אן אייגן הויז און ווילן נישט אויסנוצן זייער געלט לבטלה נאר היטן דאס געלט, האבן ממילא - ווי מען זאגט - מער פשוט'ע דירות.

אז דו פרעגסט א מענטש, קאן עין הרע, "וויפיל קינדער האסטו?", וועט ער דיר ענטפערן מיט א שמחה, אבער אין הארץ איז ער נישט צופרידן. דאס קינד, יענע קינד, ער האט אזויפיל זאכן מיט וואס ער איז נישט צופרידן. דער מאן איז נישט צופרידן מיט זיין ווייב, און די ווייב איז נישט צופרידן מיט איר מאן. ער זאגט טאקע אז ער איז צופרידן, אבער באמת איז ער נישט, ווייל ער וואלט געוואלט זיין ווייב זאל זיין אינגאנצן אנדערש, און זי וואלט געוואלט איר מאן זאל זיין אנדערש. דאס מיינט, זי האט א מאן און ער האט א ווייב, און עס איז דא אזויפיל גוטע זאכן צווישן זיי און ביי די קינדער, אבער מען שפירט עס נישט. קומט אויס, אז איינער וואס איז נישט "חצי תאוותו בידו", מיינט עס אז ער האט גארנישט, און ער האט אפילו נישט קיין הנאה פון דעם וואס ער פארמאגט. יא "יש לו מנה ורוצה מאתיים" איז נישט נאר א פראבלעם אז דו האסט הונדערט און דו ווילסט צוויי הונדערט, נאר דער עיקר פראבלעם איז אז דו האסט נישט די הונדערט וואס דו פארמאגסט שוין יא.

ווען די משנה שרייבט דעם לשון "איזהו עשיר", וואס טייטש עשירות? עשירות איז א לשון פון גליקליכקייט; עשירות מיינט א מענטש וואס שפירט זיך באמת דערהויבן, גליקליך און געשמאק, ער שפירט א באקוועמליכקייט אין לעבן. די משנה נוצט נישט דעם לשון "שבע רצון", אז ער איז בלויז צופרידן, נאר נוצט דעם לשון "השמח בחלקו" – ער פרייט זיך באמת. אבער וויאזוי קען מען זיך פרייען מיט זיין חלק ווען אזויפיל חברים, בני משפחה און אנדערע מענטשן האבן פיל מער פון אים? בפרט בזמנינו, ווען עס זענען דא אזויפיל פרסומים און עדווערטייזמענטס, אזויפיל אויסגאבעס מיט רייצערישע בילדער און באשרייבונגען וואס ציען אן דעם מענטש מיט אזויפיל תאוות עולם הזה, אז ווען ער קוקט אויף די אלע בילדער זעט עס אויס פאר זיך אליין ווי ער האט גארנישט, ווייל דאס וואס ער פארמאגט איז דאך גארנישט מיט גארנישט קעגן דעם.

למעשה, וואס איז דאס גורם? עס ברענגט צו א מצב אז א מענטש לעבט בכלל נישט אויף הנאה צו האבן פונעם היינטיגן טאג, ווייל ער

איז אפילו פונעם טאג אליין נישט צופרידן. ער איז נישט צופרידן פון זיין דאווענען, ער איז נישט צופרידן פון זיין לערנען, ער איז נישט צופרידן פון זיין עבודת השם, ער איז נישט צופרידן פון זיינע מידות אדער חברותא׳שאפט; ער האט אזויפיל חלקים אין זיין טאג מיט וואס ער איז נישט צופרידן, אז עס קומט אויס אז מיר האבן אפילו קיין טעג אויך נישט.

זאגט אבער די משנה: דו ווילסט זיין גליקליך? דו ווילסט שפירן אן עשירות, א רואיגקייט, א גליקליכקייט און א באקוועמקייט אין דיין לעבן? זאלסטו נישט נאר זיין ״צופרידן״, נאר דו זאלסט זיין ״שמח בחלקו״. וואס מיינט שמח בחלקו? לאמיר געבן א משל: ווען א מענטש — דער אייבערשטער האט געהאלפן — האט חתונה געהאט און געהאט זיין ערשטן קינד, איז ער זייער בשמחה. דאס איז אן אינערליכע, טיפע שמחה; **ער איז נישט בלויז צופרידן, ער איז פרייליך**!

יעצט, דער מענטש, ווען ער האט געהאט דאס קינד — מיר רעדן יעצט פון די ערשטע מינוטן נאכדעם וואס דאס קינד איז געבוירן — איז ער אזוי פרייליך און צופרידן, אז ער טראכט נישט: ״איך האב חברים וואס האלטן שוין ביים פינפטן קינד און איך האלט נאך ביים ערשטן״; ער טראכט נישט: ״עס וואלט געדארפט זיין א יונגל און עס איז א מיידל״; ער טראכט נישט: ״עס האט אזא קאליר האר און עס וואלט געדארפט זיין אן אנדערע קאליר״. ער טראכט נישט פון די אלע זאכן וואס ער איז מקנא אדער וואס ער וואלט געוואלט אנדערש. אין די מינוט ווייל ווען א קינד ווערט געבוירן און מ׳ווערט א טאטע אדער א מאמע, איז די שמחה למעלה מן המשוער; מ׳איז באמת פרייליך, פשוט פרייליך – נישט בלויז צופרידן, נאר פרייליך אויף א שטארקן פארנעם.

דער הייליגער באשעפער זאגט, ווי די משנה ברענגט בשם בן זומא, אז ס׳איז נישט מעגליך פאר א מענטש צו פארמאגן עשירות און גליקליכקייט, סיידן ער איז ״שמח בחלקו״. דאס מיינט אז דו ביסט צופרידן מיט דיינע זאכן וואס דו האסט – אין דעם יעצטיגן טאג, אין דעם מצב, אין דעם פלאץ און אין דעם זמן. אלעס ארום און ארום וואס דו האסט דארף דיך פשוט משמח זיין און פרייליך מאכן. דו וועסט אנפאנגען צו כאפן אז דו קענסט נישט לעבן דאס גאנצע לעבן און גארנישט האבן; ווייל אויב גארנישט שטעלט דיך נישט צופרידן, האסטו דאך נישט קיין טאג, נישט קיין נאכט, נישט קיין מאן אדער ווייב, נישט קיין קינדער, נישט קיין הייזער, נישט קיין פרנסה, נישט קיין וועש, און אפילו נישט קיין עסן אדער טרינקען. אין אזא פאל ביסטו אן ארימאן, און נאך דערצו א צובראכענער ארימאן, ווייל דו האסט נישט קיין שום חלק אין די וועלט.

אבער אז דו וועסט זיין א ״שמח בחלקו״ – און מיר וועלן עס בעזרת השם גוט אויסשמועסן וויאזוי מען קען דאס דערגרייכן – וועסטו זיך פשוט טרעפן הנאה האבן פון יעדע סעקונדע אין דיין לעבן. פון יעדע זאך וואס דו האסט, פון יעדן מצב, און פון אלעס וואס עס איז נאר שייך הנאה צו האבן אויף דער וועלט, וועסטו באמת הנאה האבן.

לאמיר אביסל קוקן וואס עס שטייט אין די ספרים הקדושים. אזוי ווי אלע אונזערע שיעורים וואס ווערן געבויט אויף די ווערטער פון אונזערע צדיקים קדושים וטהורים, שטייט אין ״אורחות צדיקים״ (שער הקנאה) אזוי: א מענטש ווען ער עסט, קען ער שפירן א גוטן טעם; אבער אויב ער איז מקנא א צווייטן, שפירט ער באמת נישט קיין גוטן טעם אין זיין עסן. ער וועט נאר שפירן א גוטן טעם ווען ער וועט זען אז קיינער האט נישט דאס וואס ער וויל האבן.

למשל, א מענטש האט חלות וואס זיין ווייב האט אים געבאקן. אויב עס איז דא איינער אויף דער וועלט וואס ער קען אדער ווייסט פון אים, וואס האט חלות וואס אין זיין קאפ – לויט זיין פארשטאנד – זענען זיי פיל שענער, בעסער און באטעמטער ווי די חלה וואס זיין

ווייב האט אים געבאקן, וועט ער נישט שפירן דעם טעם פון די חלה וואס זיין ווייב האט געבאקן. ער וועט גארנישט שפירן; ער וועט שפירן ווי ער עסט שטרוי אדער ערד. ער איז ממש אין א בחינה, להבדיל, ווי א שלאנג וואס קען נישט שפירן קיין טעם. אזוי זאגט דער "אורחות צדיקים".

און דאס איז נישט נאר ביים עסן, דאס איז ביים טרינקען, און דאס איז ביי יעדע הנאה וואס א מענטש קען האבן פון די וועלט, בעולם הזה ובעולם הבא, אין יעדן חלק רוחני וגשמי. זאגט דער "ארחות צדיקים": דו פארלירסט באמת דעם טעם. קנאה מיינט, אז שטענדיג ווען א מענטש וויל עפעס אנדערש ווי דאס וואס ער האט – און אלעס וואס א מענטש וויל אנדערש ווי ער האט גייט אריין אין דעם גדר פון קנאה – ברענגט עס דעם מענטש באמת נישט צו שפירן קיין טעם אין דעם וואס ער האט שוין יא.

לייגט צו דער "ארחות צדיקים": פון וואו שטאמט קנאה? ווייל דו זעסט א זאך ביי יענעם, און ווען דו זעסט עס, קומט דער יצר הרע און ער מאכט דיר שפירן כאילו דו דארפסט עס באמת האבן; ערשט מאכט ער דיר שפירן אז דו דארפסט עס, און דערנאך אז דו האסט עס נישט. דאס אליין אז דו האסט עס נישט וואלט נישט געווען גענוג, דער יצר הרע טוט נישט גענוג אויף מיט דעם אליין, ער מוז צולייגן דעם געפיל אז דו "דארפסט" עס דרינגענד. נאכדעם וואס ער ערקלערט דיר מיט א געוואלדיגע קלארקייט אז דו דארפסט עס, קומט דער יצר הרע צום שלב ב': אז דו האסט עס יעצט נישט און דיין חבר האט עס יא. ממילא ווערסטו אזוי צובראכן, אזוי צוקלאפט, אזוי אומצופרידן און אזוי נאכגעלאזט, אז עס קומט א מצב וואו דו שפירסט שוין באמת נישט קיין טעם, קיין געשמאק און קיין הנאה אין דעם וואס דו האסט יא.

מ'זעט טאקע אז זייער א סך מענטשן ווערן פאמיאוסט אין דעם וואס זיי האבן; זיי קענען דאס שוין נישט אויסהאלטן און זיי קענען דאס שוין נישט זען פאר די אויגן. וואס איז דאס? פון וואו שטאמט דאס? זאגט דער "אורחות צדיקים": דאס קומט פון קנאה, פון קוקן אויף יענעם. מ'פארלירט באמת דעם טעם. דאס מיינט, א היכי תמצא: א מענטש קען עסן גוטע מזונות, א געשמאקן שטיקל קוכן וואס האט אין זיך אלע טעמים, אבער ער שפירט ווי ס'איז אלט, ס'פעלט צוקער, ס'איז צו ווייך אדער צו הארט – ער שפירט פשוט נישט קיין טעם. פארוואס? ווייל ער האט געזען ביי א צווייטן א גאר אנדערע מין מזונות אדער קוכן אויף א פיל שענערן אופן, און ער איז אזוי מקנא און ער גלוסט אזוי דערויף, אז אין דעם וואס ער אליין פארמאגט, האט ער שוין פארלוירן דעם טעם.

און דאס זעלבע איז ביי א מאן צו זיין ווייב, און א ווייב צו איר מאן. מ'קען באמת פארלירן דעם געשמאק, די הנאה, די ליבשאפט און די געטריישאפט צווישן א מאן און א ווייב; נאר דורך קנאה קען מען ממש אנקומען צו שפירן א טעם מיאוס – מ'פילט נישט קיין טעם, מ'ווערט פאמיאוסט און דערוויטערט. די זעלבע זאך קען זיין מיט קינדער, מיט א דירה, מיט פרנסה, מיט עסן, מיט קליידונג, און מיט יעדע זאך אין די וועלט וואס רופט זיך גשמיות. און פונקט אזוי איז עס אין רוחניות, ווי מיר וועלן באלד זען.

אין די משנה שטייט, "איזהו עשיר השמח בחלקו". אויב דו וועסט אנהייבן באמת צו זען אז די זאכן וואס דו האסט יא זאלן דיך משמח זיין, וועסטו ווערן אן עושר. **עס איז נישט אזוי אז עשירות מאכט בשמחה; עשירות מאכט קיינעם נישט בשמחה. עס איז נישטא אזא זאך אז א מענטש זאל זיין בשמחה נאר ווייל ער איז אן עושר, עס איז פשוט נישט קיין מציאות.** דער רבונו של עולם האט נישט באשאפן די וועלט אז עשירות זאל ברענגען שמחה — נישט עשירות אין געלט, נישט עשירות אין געזונט, נישט עשירות אין קינדער, און אפילו נישט עשירות אין רוחניות, ווי תורה, עבודה, אדער מידות טובות. עשירות אליין ברענגט נישט קיין שמחה. **פארקערט, שמחה ברענגט עשירות.** אויב דו וועסט אנהייבן אריינצוטון אין זיך משמח זיין מיט דעם וואס דער אייבערשטער האט דיר געגעבן, וועסטו ווערן אן עושר. עס איז

נישט די עשירות וואס גייט ברענגען די שמחה, נאר די שמחה גייט ברענגען די עשירות.

און וואס דארף א מענטש טראכטן? א מענטש דארף אריינטראכטן אזוי: מיר זענען אידן, מיר זענען בני אברהם יצחק ויעקב, און מיר זענען אלע, אן קיין שום אויסנאם, געשטאנען ביים בארג סיני ביי קבלת התורה. בכח זענען מיר אלע ארויס פון מצרים און אלע אריין אין ארץ ישראל. בפועל לערנען מיר די תורה און מיר היטן די תורה. דער יסוד פון די תורה הקדושה איז "וצדיק באמונתו יחיה" - אמונה, מאמינים בני מאמינים. עס איז אונז קלאר, אן קיין שום ספק אדער ספק ספיקא חלילה, אז אלעס טוט דער הייליגער באשעפער און אלעס גיט דער הייליגער באשעפער. מיר ווייסן און מיר גלייבן אז עס איז גארנישט דא אין אונזערע הענט וואס מיר קענען טון צו טוישן אונזער מצב.

לאמיר עס ארויסברענגען קלאר: מען קען דאווענען, אבער מען דאווענט נישט כדי צו טוישן דעם רצון השם. מען דאווענט נישט צו טוישן דאס וואס דער אייבערשטער האט דיר שוין געגעבן און וואס ער ווייסט אז דאס איז לטובתך און ס'איז גוט פאר דיר. מיר דאווענען ווייל דער אייבערשטער וויל מיר זאלן דאווענען. דאס וואס עס איז אונז באשערט און וואס דער אייבערשטער וויל אונז געבן דורך תפילה, ווארט אפ אונזער תפילה כדי דער אייבערשטער זאל עס אונז קענען געבן דורך דעם דאווענען. דער אייבערשטער גיט פאר א איד זאכן דורך דעם וואס דו לייגסט תפילין; דעם שכר וואס איז פאר דיר אנגעגרייט וועסטו קענען באקומען, און די קדושה וואס איז פאר דיר אנגעגרייט וועסטו קענען באקומען דורך די תפילין. אבער דו וועסט נישט באקומען דורך דיינע תפילין די קדושה פונעם בעל שם טוב הקדוש, ווייל דאס איז נישט צוגעגרייט פאר דיר. עס איז דא א צוגעגרייטע קדושה ספעציעל פאר דיר וואס דארף קומען דורך דיין לייגן תפילין. אויב דו וועסט נישט לייגן תפילין, וועט דיר דער אייבערשטער נישט געבן די קדושה, אבער אויב דו ווילסט דורך דיין לייגן תפילין האבן די קדושה פונעם רמב"ם, וועסטו עס נישט באקומען.

די זעלבע זאך איז מיט יעדע זאך וואס מיר דאווענען. אויב עס איז פאר מיר באשערט צו האבן דאס וואס איך דאווען, וועל איך עס באקומען דורכן דאווענען. דאס זעלבע איז מיט סגולות און מיט קבלת טובות; אלעס פירט צום סוף דערצו אז איך באקום דאס וואס דער אייבערשטער וויל איך זאל באקומען. צו טוישן דעם רצון השם איז נישט קיין מציאות. אויב דער אייבערשטער וויל אז א מענטש זאל מאריך ימים זיין דורך דעם וואס ער וועט טון א געוויסע מסירות נפש, דורך סגולות, תפילה, אדער א ברכה פון א צדיק – דאס אלעס פאסירט נאר אויב עס דארף צו פאסירן. אבער די אריכות ימים האט דער אייבערשטער געוואלט דו זאלסט האבן טאקע דורך דעם וועג וויאזוי דו באקומסט עס. דאס איז אונזער אמונה פשוטה.

אוודאי, ווען א מענטש קוקט אויף די האנט און מען זעט דארט א "מזל", איז דאס גארנישט מיט גארנישט. פארוואס איז עס גארנישט? ווייל מיר זעען נאר דאס וואס עס שטייט דארט יעצט; מיר זעען נישט אין די חכמת היד וואס עס איז אנגעשריבן פארן מענטש לעולם ועד – וואס דער אייבערשטער וויל באמת עס זאל זיין פארן מענטש נאך די תפילות, נאך די סגולות, נאך די קבלות טובות און נאך די ברכות פון צדיקים. דאס איז ברור כשמש און עס ווערט אזוי געברענגט אין די ספרים הקדושים. דערפאר האבן די בעלי מקובלים זייער שטארק מקפיד געווען מען זאל נישט גיין דורכן וועג פון חכמת היד, חכמת הפרצוף וכדומה.

בעלי רוח הקודש האבן געקענט זען וואס עס טוט זיך אפ אויבן אין הימל, דעם מזל פון א מענטש. אבער דאס זעט נישט יעדער פשוט'ער מענטש. מ'קען נישט טוישן דעם רצון השם; אשר על כן, איינמאל דו האסט די אמונה פשוטה, פארשטייסטו און דו ווייסט אז מיר מאכן די ברכה "שעשה לי כל צרכי", און דו גלייבסט אז "טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו", און דו גלייבסט אז ס'איז נישט אין אונזערע הענט

נאר וואס דער אייבערשטער וויל. אשר על כן, הייבסטו אן טראכטן: "איך בין א חכם, איך בין א נבון, איך האב חכמה בינה ודעת; כלל ישראל הייסט קלוגע, באזעסענע, דורכגעטראכטע מענטשן מיט ברייטע קעפ." די ברייטקייט פון דעם איז, אז אויב דאס איז וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן, לאמיר טראכטן: וואס וויל דער אייבערשטער פון מיר? ער האט מיר געגעבן קינדער כדי מיך צו צוברעכן? ער האט מיר געגעבן א הויז כדי מיך צו צוברעכן? ער גיט מיר עסן כדי מיך צו צוברעכן? ער גיט מיר טרינקען כדי מיך צו צוברעכן? ער גיט מיר א פרנסה כדי מיך צו צוברעכן? טראכט וואס דו זאגסט יעצט – חלילה וחלילה וחלילה! מען דארף זיך קלאפן אויף די מויל; ס'איז נישט מעגליך, ס'איז נישטא אזא זאך אין דעם מציאות. מיר זענען נישט קיין כופרים, מיר זענען נישט קיין גויים, מיר זענען מאמינים בני מאמינים.

**דער אייבערשטער גיט מיר וואס ער גיט מיר, און אין דעם האט ער אריינגעלייגט אלע מיינע הנאות, אלע מיינע תאוות, און מיין גאנצע בארואיגונג; אלעס וואס דארף מיך ברענגען דערצו אז איך זאל שפירן גליקליך, רואיג, באקוועם, און באמת צופרידן. דער אייבערשטער וויל נאר איין זאך פון דיר: פריי דיך מיט דיין חלק!** זאג: "רבונו של עולם, דאס האסטו מיר געגעבן, יישר כוח טאטע, איך בין דיר דאנקבאר בשמחה, איך פריי מיך." דעמאלטס וועסטו ווערן אן עושר, און דעמאלטס וועט דער אייבערשטער מגלה זיין און אריינפלאקערן א ליכטיגקייט, אז אנשטאט דו זאלסט האבן די יצר-הרע'דיגע אויגן, מוח און הארץ, וואס זענען פארשמירט און פארשטאפט מיט אזויפיל תאוות און שקר, וועט דער אייבערשטער אראפנעמען די אלע שמוץ און די אלע פארדעקונגען וואס פארשטעלן דיינע אויגן, דיין הארץ און דיין מוח. דאס וועט פאסירן ווייל דו האסט אמונה פשוטה און ווייל דו זאגסט: "רבונו של עולם, איך גלייב אז אין דעם וואס דו גיסט מיר, אין אלעס וואס דו האסט מיר געגעבן, דארט האסטו אריינגעלייגט מיין בארואיגונג, מיין געזונט, מיין פריילעכקייט און מיין גליקליכקייט. אלעס וואס איך זוך, אלעס וואס איך בין מקנא, און אלעס וואס איך גלוסט – אלעס ליגט דארט." "שעשה לי כל צרכי", "טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו"; דער אייבערשטער טוט פאר מיר אלעס כדי עס זאל מיר גוט זיין. איך זע עס נאר נישט אלעמאל ווייל איך בין פארשמירט; איך האב א כח היצר וואס טשעפעט זיך מיט מיר, ער לייגט ארויף שווארצע שמאטעס אויף מיינע אויגן און שלעסער אויף מיין הארץ, און ער...צוקוועטשט און צודריקט מיין מוח, איך זאל זען עפעס וואס איז נישט אמת און איך זאל שפירן שקר;

ווייל דער אמת איז, אז ס'איז כולו טובה וברכה, און דארט ליגן אלע מיינע הנאות און אלע מיינע געשמאקן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. דער איינציגסטער וועג וויאזוי איך קען דאס ארויסבאקומען - די עשירות פון "השמח בחלקו" - איז דורך דעם וואס שטייט: "תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה". דער אייבערשטער וויל דו זאלסט זיך פרייען מיט דעם וואס דו האסט באקומען. דהיינו, נאך פאר דו טראכסט וואס דו האסט דערפון, זאלסטו זיך פרייען מיט'ן אייבערשטנס מתנה אליין, נישט מיט די זאך וואס דו האסט; ווייל די זאך וואס דו האסט, ביסטו נאך נישט זוכה צו זען אז דאס מאכט דיך פרייליך. דו דארפסט זיך קודם משמח זיין "בחלקו" - זיך משמח זיין מיט'ן אייבערשטן וואס האט אוועקגעשטעלט דיין חלק. דעמאלט וועסטו זוכה זיין אז ס'וועלן זיך אנצינדן גרויסע לעקטער און גרויסע לעכטיגקייטן, און דו וועסט אנהייבן זען אן עשירות. הפלא ופלא'דיגע ווערטער!

הייליגע, לעכטיגע און לוסטיגע אידישע קינדער, א מענטש דארף וויסן אז די נשמה פון א מענטש איז א "חלק אלוקה ממעל". דער בעל ספר ילקוט מעם לועז שרייבט וואס ער ברענגט נאך פון ספרים וסופרים א משל: ראובן איז א גרויסער נדבן, ער טיילט געלט ברוחב און איז א גרויסער בעל צדקה, אבער פון די אנדערע זייט איז ער נעבעך א גרויסער כעסן. וואס זעט ער א גאנצן טאג? נאר אז ער איז א כעסן, און דאס טוט אים וויי; ער קרעכצט, ער איז צעבראכן און ער פילט זיך פארשעמט. ער טרעפט זיך מיט זיין חבר שמעון. שמעון האט ער

שוין לאנג נישט געזען, זיי האבן זיךביידע שוין לאנג נישט געטראפן. און ער דערמאנט זיך, דער שמעון, דער איז דאך נישט קיין כעסן, אזא רואיגער מענטש, א געלאסענער מענטש, אזא ליבליכער מענטש. און ער איז אים מורא'דיג מקנא, "איך וויל זיין אזוי ווי שמעון! פארוואס ווער איך אזוי אויפגעקאכט? פארוואס ווער איך אזוי אנגעצויגן? פארוואס ווער איך אזוי פארביסן? איך וויל זיין אזוי ווי שמעון, אזא רואיגער, א פרייליכער, א רואיגער מענטש, אזא באַ'טעמ'טער."

שמעון ווייטער איז בטבע זייער א קארגער. ער קען נישט ארויסגעבן פון זיך קיין איבריגע פרוטה. ער טרעפט זיך יעצט מיט דער ראובן וואס ער האט שוין לאנג נישט געזען, און ער טראכט ביי זיך, "פארוואס בין איך א קארגער? מענטשן זענען אזוי ברוגז אויף מיר, מענטשן בארעדן מיך. מענטשן קומען נאך צדקה, ס'איז א מצוה, איך קען נישט געבן. דער ראובן, ער טיילט מיט א ברייטקייט, מיט א געשמאק. הלואי וואלט איך געווען ראובן. מענטשן האבן אים אזוי ליב, מענטשן זענען אים ממש מקנא די נדיבות, די ברייטקייט וואס ראובן האט."

אזוי זעען אויס צוויי מענטשן. קיינער ווייסט נישט יענעמ'ס מחשבות, אבער דאס איז די מציאות. צוויי מענטשן שטייען איינער קעגן די אנדערע, און יעדער איז באמת מקנא דעם צווייטן, ווייל ער זעט נאר זיין נישט און יענעמ'ס יא און זיין אייגענע נישט.

וואס איז אונזער באמת'דיגע ארבעט וואס דער אייבערשטער וויל? **זע דיין 'יא' שטארק**, און דיין נישט, זע אויך גוט. לאמיר עס אנכאפן צוריק מיט די זעלבע משל. ראובן דארף זען, דער אייבערשטער האט מיך באשאפן גוואלדיג, איך בין א ברייטער געבער, מענטשן האבן מיך ליב, איך האב ליב מענטשן, ס'איז א גוטע מדה, ס'איז א שטארקע בין אדם לחבירו'דיגע, התקשרות'דיגע מדה. פון די אנדערע זייט האט מיר דער אייבערשטער געגעבן כעס צו הארעווען דערויף. ס'איז א חלק פון מיין מתנה. **כדי צו האבן די ברייטקייט איך זאל קענען טיילן, האט מיר דער אייבערשטער צוגעגעבן א מתנה פון כעס.** איך דארף אנקוקן ביידע שיין און גוט, און פארשטיין אז די צוויי מדות גייען ארויסברענגען מיינע כוחות, און די צוויי מדות גייען מיך ברענגען הנאה צו האבן פון די וועלט עד הסוף.

אויב איך גיי מכיר זיין, אנערקענען אז דאס איז מיין טובה, דאס איז מיין חלק, דאס איז די רצון השם, און דער הייליגער באשעפער איז דער מזווג זיווגים, און ער האט מזווג געווען דעם זיווג פון ברייטקייט מיט כעס, ער האט עס צוזאמגעשטעלט, דאס איז מיין עבודה. איך בין מיך נישט מתמרמר, איך קרעכץ נישט, איך האב הנאה פון ביידע, און איך ארבעט אויף ביידע. און ווען איך זע שמעון, פארשטיי איך, אז ער האט אויך צוויי. אפשר ווייס איך נישט וועלכע צוויי, אבער ער האט אויך א זיווג פון מדות וואס איינס איז אזוי און איינס איז אזוי. איך האב מיינס, און ער האט זיינס, און מיר ביידע הארעווען צוצוקומען אז דאס וואס מיר האבן זאלן מיר הנאה האבן, און דאס זאל אונז ברענגען עושרות און גליקליכקייט. דאס הייסט א שמח בחלקו.

איי, וועסטו פרעגן וואס מיינט קנאת סופרים תרבה חכמה? קנאת סופרים תרבה חכמה מיינט זייער פשוט, כדי אז א מענטש זאל אנערקענען אז כעס איז אן אומבא'טעמ'טע זאך, דארף ער זען א צווייטן וואס איז נישט א כעסן. אזוי ווייסט ער אז כעס טויג נישט, ווייל ווען נישט וואלט ער געמיינט אז כעס טויג. דאס איז קנאת סופרים, ווען איך קוק אויף א צווייטן און איך נעם ארויס וואס איז פאר מיר גוט פון יענעם, נישט ווייל איך בין יענעם מקנא, נאר איך נעם עס ארויס און איך זע, אה, כעס איז נישט גוט. דער אייבערשטער האט עס אבער מיר געגעבן, איז א סימן אז די הארעוואניע וואס איך דארף הארעווען איז אויף כעס, דאס איז מיין תאוות הנאות עשירות פון דעם עולם הזה. אויב איך וועל ארבעטן אויף מיר אויף א צווייטע מדה וואס איך האב נישט, גיי איך גארנישט נהנה זיין. איך קען נאר הנאה זיין פון די זאכן וואס דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה. איך בין מקנא דעם רואיגן מענטש אויף אזויפיל צו פארשטיין אז איך דארף עס נוצן צו הארעווען אויף מיין כעס, אבער איך פארשטיי אז ווען איך זאל יעצט וועלן זיין א רואיגער מענטש, גיי איך פארלירן

עולם הזה און עולם הבא. איך גיי זיין א מענטש וואס וויל און וויל עפעס וואס ער גייט קיינמאל נישט האבן, קומט אויס איך האב גארנישט.

ממילא איז פארענטפערט, "יש לו מנה ורוצה מאתים", "אין אדם מת וחצי תאוותו בידו" איז די זעלבע זאך. אבער טאמער בין איך א שמח בחלקו בין איך אן עושר. לאמיר ברענגען א משל, א חתן כלה באקומען מתנות. וויפיל איז ווערט, וויפיל צאלט מען פאר א מתנה פאר א חתן כלה? די תשובה אויף דעם איז אזוי, א חתן דארף באקומען א מנורה. אויב זיין מחותן איז אן עושר אדיר און ער קויפט אים אזא קליינע פיצקעלע מנורה, די מתנה ווערט נישט נתקבל. פארוואס ווערט עס נישט נתקבל? ווייל קעגן דער וואס האט עס אים געגעבן, שטימט נישט צו געבן אזא קליינע מנורה.

טאמער אבער ער ווייסט דער חתן אז די סיבה פארוואס זיין מחותן האט אים געגעבן די קליינע מנורה, ווייל זיין מחותן האט גענוג געלט, און ער האט געטראכט ביי זיך, איך האב ליב די מנורה, איך האב גענוג געלט, נאך די חתונה, דער איידעם און די טאכטער, אויב זיי וועלן נישט זיין צופרידן, וועלן זיי זיך אליינס קויפן די שענסטע און די גרעסטע מנורה, ער געט זיך א בארואיג.

א צווייטער חתן, ער האט א מחותן עני ואביון מגוזלו, און דער מחותן קויפט אים א מנורה, ער טראכט, לויט וויפיל געלט מיין מחותן האט, לא יאומן כי יסופר, ס'איז נישט צו גלייבן אזא מנורה צו קויפן, ער איז זייער צופרידן.

אבער טאמער גייט ארום א חבר וואס האט א מחותן וואס איז נישט קיין עושר נישט קיין ארעמאן, און ער גייט יא באקומען א שיינע מנורה, דו ווייסט וואס גייט געשען? די מנורה גייט ער נישט קענען צינדן אין דעם, ער גייט עס אפילו נישט קענען אנצינדן. פארוואס? ווייל נישט דאס האט ער געוואלט, ער פארשטייט נישט אז מחותנים קויפן נישט קיין מנורות, דער אייבערשטער קויפט מנורות. אויב דיין מחותן האט דיר געקויפט אזא קליינע מנורה, איז דאס דיין תיקון הנפש, און געדענק, די גרויסע מנורה וואס דו ווילסט האבן גייט דיך נישט משמח זיין, ס'האט נישט אין זיך דיין שמחה, **ווייל עשירות איז נישט משמח, שמחה ברענגט עשירות**. די קליינע מנורה וואס דו האסט באקומען איז א זיווג מיט אלע דיינע מידות, מיט אלע כלים און חפצים וואס דו גייסט האבן אין דיין הויז, און צוזאמען מיט דיינע מידות פשוטות גייט דאס דיך משמח זיין.

דעם מענטש'ס מוח רעדט אים איין אז די גרויסע מנורה גייט אים משמח זיין. ניין, ס'גייט דיך נישט משמח זיין, ווייל ס'איז דא א פאזל, ס'איז א צאמשטעל. פון זיווגים, שידוכים וואס דארף געשען כדי א מענטש זאל האבן אן עשירות, א רואיגקייט, א גליקליכקייט, ס'מוז זיין דווקא די זאך און ס'קען נישט זיין עפעס אנדערש,

אשר על כן, דארף מען אונז זיך שטארק אריינטראכטן מיט א געוואלדיגע עמקות און אן אמת'דיגקייט, א געוואלדיגע רעיון, א רעיון נפלא. דער רבונו של עולם גיט פאר א מענטש נאר זאכן וואס זאלן אים צופרידנשטעלן, נאר זאכן וואס זאלן אים ברענגען גליקליכקייט, נאר זאכן וואס זאלן אים ברענגען אן עשירות, נאר זאכן וואס זאלן אים משמח זיין, דער אייבערשטער וויל אונז זאלן לעבן גליקליך אויף די וועלט, דער אייבערשטער געט נישט מצער צו זיין, ווי צו טון, צו מאכן א מענטש זאל שפירן א טעם שטרוי און מיאוסע, און א טעם פון צובראכענקייט אין אלעם וואס ער האט, ס'קען נישט זיין, אונז זענען מיר מאמינים בני מאמינים, שעשה לי כל צרכי, דער אייבערשטער געט אלעס וואס ס'פעלט מיר אויס, יעצט דער רבונו של עולם קענט דער מענטש, זיינע גוטע מדות, זיינע שלעכטע מדות, זיינע מדריגות, זיין רוחניות, זיין גשמיות, זיין תכלית החיים, זיין תפקיד החיים, דער רבונו של עולם זעהט א מענטש, פונעם טאג וואס ער איז געבוירן

ביז די הונדערט און צוואנציג ווען מ'גייט צוריקגעבן די נשמה, און דער אייבערשטער ווייסט פונקטליך פונקטליך ווי וואס ווען דער מענטש גייט אלץ דורכגיין אין לעבן, און דער הייליגער באשעפער וואס ער שטעלט אוועק דעם גאנצן שריפט, דעם גאנצן בלו-פרינט, דער גאנצער פארשריפט פון א מענטש לכל ימי חייו, אלעס אלעס ארום און ארום וואס דער אייבערשטער גיבט אים, און אלע זאכן וואס קומען אריין צו א מענטש וואס ער האט זיך נישט גערישט, וואס ער האט נישט גע'חלומ'ט, וואס ער האט נישט געטראכט ווען ס'וועט קומען, וויאזוי ס'וועט קומען, דארף ער וויסן דאס איז אלעס איין זיווג, איין שידוך, וואס דער אייבערשטער וויל ער זאל דורכמאכן זיין גאנצע לעבן ווי אן עושר, ווי א גליקליכער, מיט עושר ואושר. דאס איז רצון השם.

יעצט, מיין ארבעט איז עס אויפצונעמען אויף דעם וועג, דורך זיך משמח זיין אז אונז זעמיר בנים למקום, קינדער פונעם אייבערשטן. אונז זעמיר זיך משמח ווייל אונז ווייסן מיר אז איינער טוט קאנטראלירן אונזער לעבן. אונז זעמיר אין געוואלדיגע געוואלדיגע הענט, כביכול, פון דעם טוב ה' לכל. אונז ווייסן מיר נישט, אונז פארשטייען מיר נישט, אונז גלייבן מיר, און איך שפיר מיך אזוי גליקליך און אזוי רואיג, ווי דוד המלך זאגט "כגמול עלי אמו", איך שפיר מיך ווי א בעיבי אין די האנט פון די מאמע, אלעס איז מסודר. ס'איז א גאנצע צוזאמשטעל און אן אויסשטעל, איך ווייס עס נישט, אבער איך ווער בשמחה ווען איך טראכט נאר פון דעם.

דער אייבערשטער עפנט אויף די אויגן און מ'הייבט פשוט אן הנאה צו האבן. און דער אייבערשטער עפנט אויף די אויגן, מ'דארף אויף דעם דאווענען און האבן סייעתא דשמיא, אבער מיט די אמונה פשוטה און מיט די בטחון אינעם אייבערשטן איז מען זוכה אז מ'זעט באמת אז דאס איז די שענסטע און די בעסטע, ס'איז אפילו נישטא שענער און בעסער פון דעם.

שטייט אין ערגעץ נישט אין חז"ל אז אן עושר איז איינער וואס האט אסאך געלט. פונקט פארקערט שטייט, "אוהב כסף לא ישבע כסף", דער וואס האט ליב געלט, ער ווערט נישט זאט פון געלט. שטייט מפורש אין פסוק אז איינער וואס האט געלט איז נישט קיין עושר. אין אדם מת וחצי תאוותו בידו, א מענטש גייט נישט אוועק פון די וועלט און האלב פון וואס ער גלוסט האט ער. קומט דאך אויס, דאס איז נישט קיין עשירות. איינער וואס איז נישט צופרידן און ער ווערט נישט זאט, און ער שפירט נישט ווי ער האט, ער איז דער גרעסטער עני וואס איז נאר שייך.

וואס דען? ס'מוז זיין אז עשירות איז אמונה. עשירות איז באמת גלייבן און זיך משמח זיין, און באמת הנאה האבן פון וואס מ'האט, אז דאס איז מיין הנאת עולם הזה. נישט דער אייבערשטער געט עס מיר ווי מ'זאגט א ביינדל, ניין ניין ניין, חס ושלום. דער אייבערשטער געט עס פאר מיר וואס דאס גייט מיך מאכן רואיג, ס'גייט מיר ברענגען צמצום המוח, ס'גייט מיר ברענגען איך זאל זיין רואיג, איך זאל זיין צופרידן, איך זאל נישט האבן בלבול המוחות, איך זאל זיין געזונט. **אלעס וואס באמת א מענטש וויל, האט ער. ס'ליגט ביי אים אין שטוב, ס'ליגט אין זיינע ד' אמות, ס'ליגט אין זיינע רמ"ח אברים שס"ה גידים. אלעס וואס א מענטש גלוסט, ער האט. אלעס וואס א מענטש וויל זיין, ער איז. ער קען נאר נישט זוכה זיין עס צו זען, ווייל ער איז מקנא, ווייל ער גלייבט נישט אז דער אייבערשטער טוט נאר גוט. ס'פעלט אים פשוט די אמונה פשוטה. איינמאל ער האט די אמונה, איינמאל ער קאכט זיך אין דעם, ער גייט עס זען. און ווי לאנג ער גלייבט, איז ער אין א גרעסערע מדריגה. גלייבן איז אויך משמח.**

און רוחניות איז די זעלבע זאך, שטייט אין די ספרים הקדושים, ולא עליך המלאכה לגמור, דער אייבערשטער בעט נאר לויט דיינע כוחות. דער אהבת שלום שרייבט, א חלק פון שמח בחלקו דארף זיין זיך משמח זיין מיט דיין חלק אין רוחניות. א מענטש וויל קענען מער ווי ער קען קענען. א מענטש וויל האבן מדריגות מער ווי ער קען האבן. א מענטש וויל האבן השגות מער ווי ער קען האבן. א מענטש וויל האבן

מידות מער ווי ער קען האבן. ס׳קען זיין ער קען האבן מער. א מענטש איז א הולך, און א מענטש קען גיין פון מדריגה למדריגה. ס׳בעצם קיינער ווייסט נישט באמת וויפיל און וואס ער קען אלץ אנקומען. אבער וואס אונז ווייסן מיר יא איז, צו זיצן ביי די גמרא און אנפאנגען לערנען גמרא און נאכדעם נישט זיין צופרידן, ווייל עכט וויל איך לערנען מער בעיון, און עכט וואלט איך געוואלט קענען גאנץ ש״ס, און עכט וואלט איך געוואלט זיין א בקי בש״ס, און ממילא איז ער נישט צופרידן פון די שורות גמרא וואס ער לערנט, ווייל ער וואלט ווען געוואלט אנדערש, און ממילא האלט ער נישט נישט דאס און נישט דאס.

א מענטש זעצט זיך לערנען משניות, ״פארוואס לערן איך משניות? איך וואלט דאך שוין לאנג געוואלט האלטן נאך ששה סדרי משנה. איך דארף מיך פלאגן אויף א משנה. איך וויל קענען ש״ס, איך וויל קענען ארבעה חלקי שולחן ערוך.״ אדער ווען ער הייבט זיך אן פלאגן אויף א משנה און ער קען נישט די טייטש, און ער ווערט צובראכן, ״פארוואס קען איך נישט די טייטש פון א משניות? קליינע קינדער קענען משניות.״ די סך הכל איז אז דו קענסט יעצט נישט לערנען, און דו האסט נישט קיין הנאה פון דיין תורה.

די זעלבע זאך איז ביים דאווענען. א מענטש שטעלט זיך דאווענען, און ער האט נישט קיין שום הנאה און קיין שום טובת הנאה און קיין שום געשמאק פון זיין דאווענען, ווייל ער וואלט וועו געוואלט... אדער ווען די יצר הרע קומט נאך און ער קרעכצט אויפ׳ן עבר. ביי רוחניות האט ער דאך א געוואלדיגע, געוואלדיגע מעלה דער יצר הרע אז ער קען אפילו צוריקטשעפענען א מענטש אויפ׳ן עבר, וואס ער האט געטון, וואס ער וואלט וועו געקענט טון, און ווען ער ברענגט אים נאך די עוולות ארויף אויפ׳ן טיש. און אזוי איז בין אדם למקום און אזוי איז בין אדם לחבירו.

א הפלא׳דיגע גר״א דער גר״א זאגט, די גמרא ברענגט אין ברכות דף ח׳ עמוד א׳, במערבא, אין ארץ ישראל, ווען א מענטש האט חתונה געהאט מיט א פרוי, האט מען אים געזאגט אזוי: מצא או מוצא? מצא מיינט דער פסוק פון ״מצא אשה״ - דו האסט געטראפן א פרוי - ״מצא טוב״, האסטו גוט געטראפן. מוצא מיינט, שלמה המלך זאגט אין קהלת, ״ומוצא אני מר ממות את האשה״, איך טרעף ערגער ווי אוועקגיין פון די וועלט איז א פרוי. פשטות לערנט מען אפ, אז מ׳פרעגט פון דעם מענטש, האסט גוט חתונה געהאט? ס׳איז ״מצא אשה מצא טוב״? אדער ס׳איז ״מוצא״, ביסט אריינגעפאלן?

זאגט אבער דער גר״א אין קול אליהו, הפלא ופלא. דער דרך פון מענטשן איז, ווען ס׳איז אים גוט, זאגט ער נישט אז ס׳איז גוט, נאר אויפ׳ן אנפאנג. שפעטער רעדט ער שוין אפילו נישט פון די גוטס. אבער ווען ס׳איז שלעכט פאר א מענטש, א גאנצן טאג קרעכצט ער, א גאנצן טאג רעדט ער ווי נישט גוט, ווי נישט גוט, ווי נישט גוט ס׳איז. און ממילא זאגט ער אזוי: ווען א מענטש האט חתונה געהאט גוט, איז עס געווארן א עבר, ער רעדט נישט א גאנצן טאג פון זיין גוטע ווייב. ״מצא אשה״, ער האט געטראפן, ס׳איז געשען אמאל א מעשה אז ער האט געטראפן א ״מצא טוב״, א גוטע ווייב. אבער טאמער די ווייב איז נישט גוט, איז ״מוצא״, ער טרעפט שטענדיג, א גאנצן טאג קרעכצט ער און קרעכצט ער אויף די שלעכטס. איר הערט וואס דער גר״א טייטשט אויף די גמרא?

וואס איז אבער די אמת? די אמת איז, אז ווען א מענטש ווייסט וואס דוד המלך זאגט אין תהלים, ״יחד עשיר ואביון״, דער הייליגער באשעפער איז דער וואס ער געבט עשירות און ארימקייט, דאס טייטש אז ער ווייסט, די ווייב געבט אויך דער אייבערשטער, אלעס געבט דער אייבערשטער. מיין לעבן איז א צוזאמשטעל פון אסאך זיווגים. איך האב רמ״ח איברים ושס״ה גידים, און א מאן האט א ווייב, א פרוי האט א מאן, מ׳האט א דירה, מ׳האט עסן, מ׳האט א צונג, מ׳האט די פינף חושים, און יעדער איינער האט אנדערע וועגן וויאזוי מ׳האט הנאה פון די פינף חושים, על טעם וריח אין להתווכח. דער אייבערשטער האט אוועקגעשטעלט יעדן איינעם אן אנדערן טעם, אן

אנדערן ריח, אן אנדערן געשמאק. דער אייבערשטער האט פאר יעדן געגעבן אנדערע נאטורן, כאראקטערן, יעדן אן אנדערע תפקיד, און יעדן אן אנדערע תכלית החיים. אלעס צוזאמען, רוחניות און גשמיות, ווען אלעס צוזאמען איז צוזאמגעשטעלט, איז עס הערליך, איז עס שיין.

דאס טייטש, לאמיר עס זאגן טיף, ווען דו טרעפסט דיך אין א מצב אז ס'איז נישט דער מאן וואס דו האסט געוואלט, אבער ווען דו זאלסט גלייבן באמונה פשוטה, אלעס אלעס ארום דיין לעבן דארף אזוי זיין פונקטליך, וועסטו טרעפן אז איין פלאץ אין דיין לעבן קומט אריין דער מאן און דו גייסט זייער הנאה האבן דערפון, ווייל דער אנדערער מאן וואלט נישט אריינגעשטימט אין דעם גאנצן פלאץ.

פונקט אזוי ווי דו פארשטייסט אז מ'קען נישט אריינלייגן צוקער אין א טעלער זופ וואס איז געמאכט פון עופות פלייש. הינדל פלייש זופ קאכט מען מיט ציבעלע, מיט מייערן, און מיט זאלץ. מ'קען עס נישט קאכן מיט צוקער. א מענטש וועט זאגן, "איך קען נישט הנאה האבן פון זופ, איך קען נישט הנאה האבן פון די זופ, הינדל זופ, איך קען נישט הנאה האבן, ווייל מ'לייגט נישט אריין קיין האניג און קיין צוקער." פארוואס זאגט ער עס נישט? ווייל איך וועל צוגיין צו אים, אין זאגן איך לייג דיר גערן אריין האניג און צוקער, נאר די וועסט עס אויסשפייען. ער פארשטייט, ס'קומט נישט דארט. א מענטש דארף פארשטיין, דער מאן, די ווייב וואס דו האסט, אין די גאנצע בילד פון דיין לעבן, ס'שטימט נאר אריין דער מאן, די פרוי, די קינדער, די הויז, די פרנסה, די געזונט, די נחת. ס'שטימט נישט עפעס אנדערש אריין. מ'קען נישט אריינלייגן עפעס אנדערש.

די אמונה פשוטה, די שמחה, דער אייבערשטער האט מיר דאס געגעבן, "טוב ה' לכל". איך בין א מאמין, איך גלייב, איך קום פון דורות מאמינים בני מאמינים. און בפרט אונז אידישע קינדער וואס אונז האבן אזויפיל היסטאריע למפרע, אונז לערנען אזויפיל היסטאריע אין תורה, נביאים, כתובים, און מדרשים, און סיפורי צדיקים, און מ'זעט אזויפיל התגלות וואס איז נתגלה געווארן, וויאזוי ס'האט זיך אויסגעשטעלט די בילדער וואס האט אויסגעקוקט קודם חושך'דיג, און ס'איז געווען אור, לעכטיגקייט. ווען מ'שטעלט צוזאם די אלע בילדער, איז נישט אזוי שווער זיך אריינצולייגן אין שמחה און אמונה פשוטה: "טאטע, דאס האסטו מיר געגעבן, דאס איז מיינס, דאס איז וואס איך ברויך, דאס איז וואס איך קען האבן, איך קען עפעס אנדערש נישט האבן. יעצט, מיין בחירה איז, איך גיי הנאה האבן דערפון און טרעפן מיין עשירות דורך מיין שמחה און גלייבן אינעם אייבערשטן, אדער איך גיי ווערן אן ארימאן, איך גיי לעבן אין עניות, נישט ווייל דער אייבערשטער האט מיר געגעבן עניות, נאר ווייל איך האב געמאכט דערפון אן עניות."

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עמוק עמוק'דיגע געשמאקע ווערטער. אבער יעצט איז די ארבעט, גיי איבער דעם שיעור, לייג דיך אריין דערינען, און מיר גייען מיר הארעווען. ס'קומט נאך שיעורים, אויף די וועלט דארף מען הארעווען. ווען דו גייסט פון היינט און ווייטער לערנען חז"ל, לערנען מדרשים, ליינען מעשיות פון צדיקים, קוק עס אן מיט דעם בליק, עס צו זען אז אונז האבן אסאך אסאך מראי מקומות אויף דעם, מוסר און חסידות, מלא וגדוש. דו האסט אפשר ביז יעצט נישט געכאפט די עמקות, יעצט האסטו עס, זייער קלאר. הודו לה' ברוך הוא וברוך שמו.

ארבעטן דערויף, זיך אריינלייגן כוחות פון זיך אראפזעצן און דורך טראכטן די ווערטער. און מ'דארף שווענקען די מוח. די יצר הרע גייט קומען קעגן דעם, און דו גייסט עס צוריק שווענקען. אזוי ווי אלע ענינים וואס א מענטש דארף צו הארעווען אויף די וועלט קומט דורך שווענקען די מוח. די יצר הרע זאגט ס'איז נישט גוט, און איך דארף עס צוריק שטויסן, ס'איז יא גוט. די יצר הרע קומט פארשמוציגן די אויגן, פארשטעלן די הארץ, די מוח צו קוועטשן, און אונז זאגן מיר ס'גייט אים נישט העלפן, יצר הרע. אני מאמין שעשה לי כל צרכי,

הטוב ומטיב, הזן ומפרנס לכל.

און געדענקט'ס, לאמיר ארויסזאגן די ווערטער וואס אונז גייען מיר נוצן. אלעס וואס דער אייבערשטער געט און טוט איז פאר מיר גוט. דער אייבערשטער געט נישט און טוט נישט גארנישט וואס איז פאר מיר נישט גוט. און אלעס וואס איך דארף און וואס איז מיינס האב איך. און וואס איך האב איז א זיווג וואס דער אייבערשטער איז מיר מזווג אלעס פון די טאג וואס איך בין געבוירן ביז די הונדערט און פופציג יאר. און ממילא, ס'מוז אזוי זיין, ס'דארף אזוי זיין, און איך האב עס א מתנה פון דעם אייבערשטן. און דער אייבערשטערווארט פון מיר ער זאל מיר קענען אנטפלעקן, מגלה זיין די טוב און די הנאה, ווייל דאס איז מיין הארעוואניע, און נאך מיין הארעוואניע גייט דער אייבערשטער מיר עס אויפעפענען און אנטפלעקן.

**יעצט, פון היינט און ווייטער גייען מיר אונז טוישן די שפראך. ביז יעצט איז אונזער שפראך געווען "איך האב נישט, און איך האב נישט, און איך האב נישט, און איך וואלט געדארפט האבן, און ווען איך וואלט ווען געהאט". און יעצט איז אונזער שפראך "ברוך השם אז איך האב, ברוך השם אז יענער האט, און וואס איך דארף איך האב, און איך האב הנאה, און איך וויל זען מיין עשירות, און מ'זוכט עס, און מ'בעט דעם אייבערשטן, און מ'גייט מיט א פנים מאירות, און מ'טרעפט עס. הייליגע אידישע קינדער.**

איך מוז אייך זאגן דעם אמת, בשעת יעצט איך זאג דעם שיעור, וואס בעצם דעם שיעור האבן מיר געזאגט שבת ביי פרק, א גרויס חלק דערפון, דארט איז עס נתחדש געווארן ביי פרקי אבות, יעדע וואך ביי פרקי אבות איז דא געוואלדיגע חידושים, אונז האבן מיר עס פרובירט יעצט איבערצוזאגן אויף וויפיל מ'האט געקענט, אבער פון פרק ביז נאך די יעצטיגע דרשה וואס אונז האבן מיר יעצט געגעבן, איך זאג דעם אמת, ביי מיר אליין, מיין מהלך המחשבה דיבור ומעשה איז שוין געטוישט געווארן, און איך שפיר א געוואלדיגע רואיגקייט, א געוואלדיגע עשירות, א געוואלדיגע נאנטקייט צו די אייבערשטן, א הכרת הטוב צום אייבערשטן, **איך שריי ארויס מעומקא דליבא, טאטע איך האב דיך ליב, איך זע ווי גוט דו ביסט צו מיר, און איך גלייב ווי גוט דו ביסט צו מיר, טאטע איך האב אלעס.**

איך גיי מאכן די ברכה "שעשה לי כל צרכי" מיט שם ומלכות, מיט ווארימקייט, מיט ליבשאפט און בענקעניש צום הייליגן באשעפער. הצלחה און ברכה און הצלחה אין די ארבעט בשמחה רבה ואמרי כולם, דער אייבערשטער זאל שיקן סייעתא דשמיא, היי נא השם מצליח דרכינו, אמן כן יהי רצון.